LDSS-4148A-YI (Rev. 07/16)

# ערשטע חלק

## וואס איר זאלט וויסן איבער אייערע רעכטן און אחריות

ווען איר געבט אריין אן אפליקאציע אדער ווען איר באקומט בענעפיטן

אויב איר זענט בלינד אדער די אויגן זענען שטארק אפגעשוואכט און איר דארפט אן אפליקאציע אדער אנווייזונגען אויף אן אנדערע אופן, קענט איר עס פארלאנגען פון אייער סאשעל סערוויסעס דיסטריקט. ען קען עס באקומען אויף די פאלגענדע אנדערע אופנים:

- פארגרעסערטע אותיות;
- דיזשיטל פייל (עלאקטראנישע פייל וואס קען געליינט ווערן אויף א סקרין-רידער);
- צום אויסהערן (די אנווייזונגען אדער די אפליקאציע זענען פארגעזאגט צום אויסהערן); און
- ברעילי, אויב די אנדערע אופנים העלפן אייך נישט.

מען קען אויך דאונלאודן די אפליקאציע אדער אנווייזונגען אויף די אנדערע אופנים – גרויסע אותיות, דיזשיטל, און צום הערן - פון www.otda.ny.gov אדער www.health.ny.gov. די ברעילי און פארגעזאגטע פארמאטן ווערן צוגעשטעלט בלויז פאר אינפארמאטיווע צוועקן. די אנדערע אופנים קענען נישט גענוצט ווערן אלץ עמטליכע אפליקאציע. מען מוז נוצן די געהעריגע אפליקאציע זיך איינצושרייבן.

---

זעה אויך דאס

**צווייטע ביכל (LDSS-4148B)**

"וואס איר דארפט וויסן איבער די סאשעל סערוויסעס פראגראמען" (What You Should Know About Social Services Programs)

און דאס

**דריטע חלק (LDSS-4148C)**

"וואס איר זאלט וויסן אויב איר האט אן עמערדזשענס" (What You Should Know If You Have an Emergency)

---

לייג אוועק דעם ביכל פאר שפעטערדיגע באנוץ

# אינהאלט

זייט

**אריינפיר** ........ 2

## אייערע רעכטן

1. רעכט צו פארלאנגען ........ 3
2. רעכטן קעגן ווערן דיסקרימינירט........ 4
3. רעכטן צו פערזענליכע פריוואטקייט ........ 5
4. אייערע רעכטן צו איבערזוכט פון אייערע רעקארדס ........ 6
5 קאנפערענסעס און אויפריכטיגקייט פארהערן........ 7
6. ארבעטס גלעלגנהייט רעכטן ........ 10
7. רעכטן פון די קינדער און די טאטעס ווען פאטערשאפט איז באגרינדעט געווארן אין געריכט ........ 11
8. רעכטן פאר לעגאלע אונטערנעמונגען און פארטרעטערשאפט וואס אנטבאלאנגט צו פאטערשאפט און קינדער-געלט ........ 12
9 רעכטן וואס אנטבאלאנגט זיך אפגעבן מיט א קינד ........ 12
10. רעכטן וואס אנטבאלאנגט דורכגאנג און צופיהל קינדער-געלט איינצאלונגען-צייטווייליגע הילף........ 13
11. אייער רעכט צו פארלאנגן באגרעניצטע צאלונג פאר צייטווייליגע הילף ........ 14
12. אייערע רעכטן אויב איר זענט פארדעכטיגט אין שווינדל ........ 14
13. אייער רעכט צו זיך איינשרייבן צו קענען שטימען ........ 14
14. אייערע רעכטן וואס אנטבאלאנגט רעליגיע-געפירטע פארזארגער פון סערוויסעס........ 14

## אייער אחריות

1. כלליות'דיגע פאראנטווארטליכקייטן ........ 15
2. אחריות צוצישטעלן אמת'דיגע און אקוראטע אינפארמאציע........ 15
3. אחריות צוצישטעלן באווייזונגען........ 17
4. אחריות זיך איינצושרייבן אין די אטאמאטישע פינגער-פרינט סיסטעם........ 21
5. אחריות צו מודיע זיין א טויש ........ 22
6. אחריות בנוגע אייער בענעפיט אינדענטיפיקאציע קארטל........ 25
7. אחריות צו נוצען אייערע פוד סטעמפס בענעפיטן ........ 25
8. אחריות צוריקצוגעבן אויב מיר האבן איבערגעצאלט........ 25
9. באשעפטיגונג סאנקציעס........ 26
10. אחריות בנוגע טשיילד-קעיר........ 28
11. אחריות בנוגע אויסהאלטן די קינדער און די ווייב ........ 29
12. אחריות צו דורכגיין דער טעסט איבער אלקאהאל און דראגס אביוז........ 31
13. אחריות צו זיך באטייליגען אין א פראגראם איבערצוקומען אביוז פון דראגס כדי צו באקומען מעדיקעיד........ 31
14. אחריות בנוגע נוצען די מעדיקעיד פון איינגעשריבענע דאקטורים ........ 32
15. אחריות בנוגע פארצוזעצן די בענעפיטן........ 32
16. אחריות פון אונטעריעריגע עלטערן וועלכע פארלאנגן אדער באקומען צייטווייליגע הילף ........ 33
17. אייער אחריות בנוגע צייטווייליגע וואוינונג אויב איר זענט היימלאז........ 33
18. אייער אחריות צו פארלאנגן SSI (צוגאבע צום סאשעל סעקיוריטי אינקאם)........ 34

**ביטע זייט וויסן :**

**דער חלק וועט אייך לערנען איבער אייערע רעכטן און אחריות ווען איר פארלאנגט אדער איר באקומט סאשעל סערוויסעס בענעפיטן אדער באהאנדלונג.**

**די מטרה דערפון איז אייך צו געבן א כלליות'דיגע פארשטאנד פון אייערע רעכטן און אחריות וועלכע זענען נכלל אין די סטעיט און פעדעראלע געזעצן און רעגולאציעס. אויב איר האט ספעציפישע שאלות, ביטע בעט אייער ארבעטער פאר מער אינפארמאציע.**

# INTRODUCTION

דאס ביכל ( :LDSS-4148A"וואס איר זאלט וויסן איבער אייערע רעכטן און אחריות") איז איינס פון דריי וועלכע פארענטפערן כמעט אלע שאלות איבער די הילף וואס מיר קענען אייך צושטעלן. דאס ביכל וועט אייך לאזן וויסן איבער אייערע רעכטן און אחריות ווען איר פארלאנגט אדער ווען איר באקומט בענעפיטן.

דאס צווייטע ביכל ( :LDSS- 4148B"וואס איר זאלט וויסן איבער סאשעל סערוויסעס פראגראמען") געבט אייך ספעציפישע אינפארמאציע איבער יעדעס פון די פראגראמען, און דאס דריטע ביכל ( :LDSS-4148C"וואס איר זאלט וויסן אויב איר האט אן עמערדזשענסי") וועט אייך לאזן וויסן וואס צו טון אויב איר האט אן עמערדזשענסי.

דורכאויס די דאזיגע ביכער וועלן מיר אנרופן די פראגראמען פון פאבליק הילף מיט'ן נאמען "צייטווייליגע הילף". (אפיציעל ווערן זיי אנגערופן "פאמיליע הילף" און "סעיפטי נעט הילף".) די סיבה פארוואס מיר נוצן דאס ווארט "צייטווייליג" איז כדי מדגיש צו זיין אז די מטרה פון די דאזיגע פראגראמען איז אייך צו העלפן בלויז ביז איר קענט אליינס אויסהאלטן זיך מיט די פאמיליע.

די ביכער דערמאנען אויך מעדיקעיד. מעדיקעיד רעכנט אריין Child Health Plus A פאר קינדער, מעדיקעיד פאר ערוואקסענע, Family Health Plus, Medicaid Buy-In פראגראם פאר מענטשן מיט דיסאביליטיס וועלכע ארבעטן, Medicaid Savings Program, און Family Planning Benefits Program.

**די ביכער דערמאנען אויך סערוויסעס. סערוויסעס רעכנט אריין אזעלכע זאכן ווי טשיילד-קעיר, פאסטער קעיר, וועלפיער פאר קינדער, אדאפשען, און נאך.**

# אייערע רעכטן

1. **רעכטן ביים מאכן א פארלאנג**

איר האט די רעכט צו:

- ווערן אינפארמירט איבער די פראגראמען און די הילף וואס איר קענט באקומען.
- ווערן אינפארמירט איבער וואס איר דארפט טון כדי צו באקומען די דאזיגע פראגאמען.
- מאכן א פארלאנג פאר די דאזיגע פראגראמען.
- באקומען אן אפליקאציע ווען איר בעט פאר עס.
- אריינגעבן אייער אפליקאציע אינעם סיסטעם דעם זעלבן טאג וואס איר באקומט עס (בנוגע צייטווייליגע הילף און פוד-סטעמפס בענעפיטן).

| |
|---|
| **באמערקט:** אן אפליקאציע פאר פוד-סטעמפס בענעפיטן מוז אנגענומען ווערן אויב איר אריינגעשריבען לכל הפחות אייער נאמען, אדרעסס (אויב איר האט איינס) און אינטערשריפט. דאס איז וויכטיג ווייל די סכום פון אייער פוד-סטעמפס בענעפיטן ווערט גע'חשבון'ט פונעם טאג וואס איר געבט אריין די אפליקאציע. איר קענט באקומען מער פוד-סטעמפס בענעפיטן אויב איר געבט אריין די אפליקאציע דעם זעלבן טאג וואס איר באקומט עס. איר דארפט אבער וויסן אז איר וועט מוזן אריינשרייבן די איבעריגע חלקים פונעם אפליקאציע כדי מ'זאל קענען מאכן אן החלטה אויב איר קענט באקומען די פוד-סטעמפס בענעפיטן. |

- אויב איר פארלאנגט טשיילד-קעיר סערוויסעס, שיקט אריין די אפליקאציע דורך די פאסט.
- אפהאלטן אן אינטערוויו.
  - -- פאר מעדיקעיד (מעדיקעיד\ Child Health Plus A פאר קינדער, Family Health Plus, Medicaid Buy-In פראגראם פאר מענטשן מיט דיסאביליטיס וועלכע ארבעטן, Medicaid Savings Program, און Family Planning Benefits Program) איז נישטא קיין ספעציפישע צייט אפשניט דורכאויס ווען איר אדער אייער שליח מוזט באקומען אן אינטערוויו. אבער איר מוזט אפהאלטן אן אינטערוויו איידער מיר קענען מחליט זיין אויב איר זענט בארעכטיגט.
  - -- פאר צייטווייליגע הילף, מוז דער אינטערוויו פארקומען ביז 7 ארבעטס-טעג.
  - -- פאר פוד-סטעמפס בענעפיטן, מוז דער אינטערוויו באשטימט ווערן אזוי אז עס זאל זיין גענוג צייט צו מאכן א החלטה איבער אייער בארעכטיגטקייט דערצו און דאס עצם ארויסשיקן צו אייך די בענעפיטן ביז 30 טעג פון ווען איר האט אריינגעגעבן די אפליקאציע.
  - -- פאר פוד-סטעמפס בענעפיטס, זענט איר בארעכטיגט צו פארלאנגען אז צוליב אייער שווערע מצב זאל מען מוותר זיין אויף די פנים-אל-פנים אינטערוויו. א שווערע מצב מיינט בדרך כלל, אבער נישט בלויז, קראנקייט, שוועריגקייט אנצוקומען, איר געבט זיך אפ מיט איינעם אין אייער הויזגעזינד, שוועריגקייט ווייל איר וואוינט אין א דערפל, פארלענגערטע שווערע וועטער, אדער צוליב אייער דזשאב אדער דאס לערנען א נייע פאך ערלויבט אייך נישט אריבערצוקומען דורכאויס די שעות וואס דער דיסטריקט'ס סאשעל סערוויס אפיס איז אפען. מיר וועלן מוותר זיין אויף די פנים-אל-פנים אינטערוויו , אויף אייער בקשה, אויב אלע ערוואקסענע מיטגלידער פון אייער הויזגעזינד זענען אלט אדער באגרעניצט, און האבן נישט קיין פארדינסטן. די אגענטור קען מוותר זיין די פנים-אל-פנים אינטערוויו און אנשטאטס דעם אפהאלטן אן אינטערוויו דורכן טעלעפאן אדער דורך באשטימען א צייט ווען מיר קענען אריבערקומען צו אייך אהיים. א פערזענליכע אינטערוויו קען באשטימט ווערן פון פאראויס פארצוקומען אין סיי וועלכע פלאץ וועלכע איז גוט פאר יעדעם, אריינגערעכנט די היים.

  אויב אן אפליקאנט קען נישט זיין ביים אינטערוויו, קען ער אדער זי באשטימען **שריפטלעך** אן אטארעזירטע פארטרעטער, איינער וועלכע איז נישט א משפחה מיטגליד, זיך צו באטייליגען אינעם אינטערוויו פאר די משפחה. ער אדער זי קען זיין א חבר, קרוב, אדער סיי ווער וועמען דער אפליקאנט וועלט אויס. דער מענטש מוז האבן די נויטיגע דאקומענטן, און ער מוז זיין אומשטאנד צו געבן פאר די לאקאלע דעפארטמענט אוו סאשעל סערוויסעס (LDSS) די אינפארמאציע וואס עס דארף כדי צו מאכן א החלטה איבער בארעכטיגטקייט. דאס אויסוועלן א פארטרעטער געהערט פאר די משפחה. כדי אז איינער זאל קענען זיין אייער אטארעזירטע פארטרעטער, מוזן ביידע, סיי איר און סיי דער פארטרעטער אינטערשרייבן די אפליקאציע.

  ווען איר מאכט א פארלאנג בלויז פאר מעדיקעיד, דאן דארף דער אפליקאציע ווערן אויסגעפילט און אונטערגעשריבן בלויז דורך דער וועמען דער אפליקאנט באשטימט אלס זיין פארטרעטער דוראויס די אפליקאציע פראצעדור. דער דאזיגע פארטרעטער מעג גיין צו די אינטערוויו אנשטאט דער אפליקאנט.

| |
|---|
| **באמערקט:** אויב איר פארלאנגט צייטווייליגע הילף, און איר לאזט אונז הערן ווייסן אז איר האט אן עמערדזשענסי, מוזן מיר אייך שענקען אן אינטערוויו אין דעם זעלבן טאג איבער אייער עמערדזשענסי. מיר מוזן אייך אויך דעם זעלבן טאג מודיע זיין שריפטלעך איבער אונזער באשלוס וועגן אייער עמערדזשענסי. אויב איר פארלאנגט פוד-סטעמפס בענעפיטן, און איר זענט בארעכטיגט צו א דין קדימה, וועט אייער אינטערוויו און החלטה געטון ווערן נישט שפעטער פון 5 טעג נאך וואס איר האט אריינגעגעבן אייער אפליקאציע. |

- ברענגט מיט עמיצער צום אינטערוויו וועלכע קען איבערטייטשען פאר אייך. אויב איר ברויכט א דאלמעטשער, וועט די עידזשענסי עס צושטעלן פאר אייך. איר קענט נישט ווערן אפגעזאגט צוטריט צו הילף בלויז ווייל איר זענט נישט פליסיג אין די ענגלישע שפראך. אפליקאנטן אדער מקבלים וועלכע זענען באגרעניצט מיט די שמיעה אדער ראייה קענען זיך באנוצען מיט די ספעציעלע TTY/TTD סיסטעם כדי צו באקומען צוטריט צו סערוויסעס.
- מענטשן מיט דיסאביליטיס וועלן באקומען די זעלבע צוטירט צו סאשעל סערוויסעס פראגראמען ווי מענטשן וועלכע האבן נישט קיין דיסאביליטיס.

- אייך לאזן וויסן ביז 30 טעג פון דער טאג וואס איר האט אריינגעגעבן אייער אפליקאציע פאר פאמיליע הילף אדער פאר פוד-סטעמפס בענעפיטן אויב אייער אפליקאציע איז באשטעטיגט אדער צוריקגעוויזן; אייך לאזן וויסן ביז 45 טעג פון דער טאג וואס איר האט אריינגעגעבן אייער אפליקאציע פאר **סעיפטי-נעט הילף**, אויב אייער אפליקאציע איז באשטעטיגט אדער צוריקגעוויזן.
- אז א החלטה זאל געמאכט ווערן צו באשטעטיגן אדער צו אפזאגן אייער אפליקאציע פאר סערוויסעס ביז 30 טעג פון דער טאג וואס איר האט אריינגעגעבן אייער אפליקאציע, און באקומען א געשריבענע נאטיץ איבער די החלטה געשיקט צו אייך ביז 15 טעג נאכ'ן פאסן די החלטה. אבער א החלטה איבער די באשטעטיגונג אדער אפזאגן סערוויסעס צו באשוצען אן ערוואקסענע מוז געמאכט ווערן בשעת וואס מעשה ווען מיר ענדיגן אפשאצן אויב עס פארלאנגט זיך א פלאן צו-צישטעלן סערוויסעס צו באשוצען אן ערוואקסענע.
- אייך לאזן וויסן אויב איר זענט בארעכטיגט צו מעדיקעיד אדער אויב אייער אפליקאציע איר צוריקגעוויזן, ווען אייער אפליקאציע פאר מעדיקעיד, כולל דער אינטערוויו, איז פערטיג. די צייט ביז ווען איר מוזט באקומען די נאטיץ ווענדט זיך:
  - -- פרויען וועלכע זענען מעוברת און יונגע קינדער מוז מען לאזן וויסן ביז 30 טעג פון ווען מ'האט אריינגעגעבן דער אפליקאציע;
  - -- אויב א מענטשנ'ס בארעכטיגקייט ווענדט זיך אין זיין פיזישע דיסאביליטי, מוז מען לאזן וויסן די החלטה איבער די בארעכטיגקייט ביז 90 טעג פון ווען מ'האט אריינגעגעבן דער אפליקאציע;
  - -- אלע אנדערע מענטשן מוז מען לאזן וויסן ביז 45 טעג פון ווען מ'האט אריינגעגעבן די אפליקאציע.
- באקומען א געשריבענע נאטיץ איך צו לאזן וויסן אויב אייער אפליקאציע איז באשטעטיגט אדער אפגעזאגט:
  - -- אויב אייער אפליקאציע איז באשטעטיגט, וועט די נאטיץ אייך לאזן וויסן וועלכע בענעפיטן איר וועט באקומען;
  - -- אויב אייער אפליקאציע איז צוריקגעוויזן, וועט די נאטיץ אייך לאזן וויסן די סיבה דערצו, און וואס איר זאלט טון אויב איר זענט מחולק אדער איר פארשטייט נישט די החלטה.

**באמערקט:** אויב אייער אפליקאציע פאר צייטווייליגע הילף איז באשטעטיגט און איר זענט אן ערוואקסענע אן קיין קינדער, וועט אייער קאטעגאריע פאר צייטווייליגע הילף בדרך כלל זיין סעיפטי נעט הילף. עטליכע פאמיליעס מיט קינדער וועלן באקומען סעיפטי נעט הילף.

מענטשן אין א סעיפטי נעט הילף קעיס וועלן נישט באקומען נאכאנאנדיגע צייטווייליגע הילף פאר די 45 טעג נאכדעם וואס מען האט אריינגעגעבן די אפליקאציע. מענטשן וועלכע זענען אין די סעיפטי נעט הילף קאטעגאריע קענען מעגליך באקומען הילף צו קענען בייקומען די עמערדזשענסי אפילו דורכאויס די 45 טעג ווען זיי קענען נישט באקומען די נאכאנאנדיגע בענעפיטן. (זע LDSS-4148C: "וואס איר זאלט וויסן ווען איר האט אן עמערדזשענסי".)

מענטשן וועלכע זענען אין די סעיפטי נעט הילף קאטעגאריע וועלכע זענען בארעכטיגט פאר פוד-סטעמפס בענעפיטן דארפן נישטווארטן לענגער פון אנדערע אפליקאנטן פאר יענע בענעפיטן.

## 2. רעכטן נישט צו ווערן דיסקרימינירט

עס איז אומלעגאל פאר די OTDA (ניו יארק סטעיט אפיס פאר צייטווייליגע און דיסעביליטי הילף), די ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט, די ניו יארק סטעיט אפיס פאר קינדער און פאמיליע סערוויסעס, אדער אייער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס, צו דיסקרימינירן קעגן אייך צוליב ראסע, רעליגיע, עטנישע אפשטאם, פארהייראט אדער נישט, פיזישע דיסאביליטי, מאן אדער פרוי, לאנד אפשטאם, פאליטישע מיינונג, אדער עלטער.

אויב איר מיינט אז מען האט דיסקרימינירט קעגן אייך אין א **צייטווייליגע הילף** פראגראם, **אריינגערעכנט פעמילי עסיסטענס און סעיפטי נעט עסיסטענס** אדער אז אייער קעיס איז נישט ריכטיג באהאנדלט געווארן צוליב סיי וועלכע סארט דיסקרימינאציע, קענט איר מאכן א קאמפלעינט דורך רופן, אדער שרייבן צו דער:

**Bureau of Equal Opportunity Development (BEOD)**
**New York State Office of Temporary and Disability Assistance**
**40 North Pearl Street 13A**
**Albany, New York 12243-0001**
**(518) 473-8555**

BEOD וועט אריינשיקן דעם קאמפלעינט צו דער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס פאר א אויספארשונג, און וועט שיקן א קאפי פון דער באווייז אז דער קאמפלעינט איז אריבערגעשיקט געווארן צום מענטש וואס האט געמאכט דער קאמפלעינט. ווען א קאמפלעינט ווערט אריבערגעשיקט דורך דער OTDA צו דער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס, מוז א רעפארט ווערן אריינגעגעבן ביז 20 טעג פון דער טאג וואס מען האט דאס פארלאנגט, און עס מוז זיך באציען צו אלע חלקים פון דער קאמפלעינט, אזוי ווי עס ווערט פארלאנגט אין NYCRR 18 חלק 356.3(e). אויב מען קען עס נישט טון באצייטענס, מוז מען ארויסשיקן א צווישנצייט רעפארט. דער OTDA האט די ברירה צו געבן א רעאקציע פאר די ךאקאלע דעפארטמענט פון סאשעל סערוויסעס בנוגע סיי וועלכע חלק פון דער רעפארט בשכיות מיט'ן קאמפלעינט, און זיי מעגן אונטערנעמען א ווייטערדיגע איבערזיכט אויף די קאמפלעינט אין צוזאמענארבעט מיט די לאקאלע דעפארטמענט פון סאשעל סערוועסיס, אויב זיי האלטן דאס פאר וויכטיג.

אויב איר מיינט אז מען האט דיסקרימינירט קעגן אייך אין דער **פוד-סטעמפס בענעפיטס** פראגראם, קענט איר אויך קאמפלעינען דורך שרייבן צו דער:

**USDA**
**Director, Office of Civil Rights**
**Room 326-W, Whitten Building**
**1400 Independence Avenue, S.W.**
**Washington, D.C. 20250-9410**
**(202) 720-5964 (רעגולער טעלעפאן און TDD:**

אייער קאמפלעינט איבער דיסקרימינאציע וועט ווערן אויסגעפארשט, און איר וועט געזאגט ווערן שריפטלעך איבער די געפינסן.
אויב איר מיינט אז מען האט דיסקרימינירט קעגן אייך צוליב א פיזישע דיסאביליטי, קענט איר מאכן א קאמפלעינט שריפטלעך צו:

**Disability Rights Section**
**P.O. Box 66738**
**Washington, D. C. 20035-6738**
**אדער**

**Director**
**Office for Civil Rights**
**U.S. Department of Health and Human Services**
**200 Independence Avenue, SW, Room 506-F**
**Washington, D.C. 2025020201**
**אדער**

**רופט צו די אפיס פאר ציווילע רעכטן 1-800-368-1019 (געהעריגע טעלעפאן) אדער 1-800-537-7697 (TDD).**

אייער קאמפלעינט איבער דיסקרימינאציע וועט ווערן אויסגעפארשט, און איר וועט געזאגט ווערן שריפטלעך איבער די געפינסן.

אויב איר פילט אז מען האט דיסקרימינירט קעגן אייך בנוגע די **מעדיקעיד** פראגראם, קענט איר רופן אדער שרייבן צו איינע פון די אפיסעס פון אייער געגענט פון די New York State Division of Human Rights, וועלכע מען קען טרעפן אין די גאווערנמענט בלעטער פון די טעלעפאן ביכל.

אויב איר פילט אז מען האט דיסקרימינירט קעגן אייך בנוגע **צייטווייליגע הילף, פוד-סטעמפס בענעפיטן** און די דזשאבס פראגראמען וואס האבן א שייכות מיט דעם, **מעדיקעיד**, **סערוויסעס** אדער **טשיילד-קעיר**, קענט איר זיך פארבינדען מיט דער New York State Division of Human Rights אין אלבאני.

איר קענט אויך רופן אדער שרייבן צו איינער פון די אפיסעס פון די New York State Division of Human Rights אין אייער געגענט, וועלכע מען קען טרעפן אין די גאווערנמענט בלעטער פון די טעלעפאן ביכל. טייל שטעטלעך און קאונטיס פון ניו יארק סיטי האבן אויך א קאמיסיע פאר מענטשן רעכט וועלכע געבעט זיך אפ מיט פארשן דיסקרימינאציע קאמפלעינטס. קוקט אין אייער טעלעפאן ביכל פאר די נאמבער.

### 3. רעכטן צו פערזענליגע פריוואטקייט

די ניו יארק סטעיט געזעץ צו באשוצן די פרייוועסי און די פעדעראלע געזעץ פאר פרייוועסי פארלאנגען אז די ניו יארק סטעיט אפיס פאר צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף, די ניו יארק סטעיט אפיס פאר קינדער און פאמיליעס סערוויסעס און די ניו יארק העלט דעפארטמענט זאלן אייך צווייסן טון וואס עס טוט מיט די אינפארמאציע, אריינגערעכנט די סאשעל סעקיוריטי נאמבערס, וועלכע איר געבט אריין צו די סטעיט (אדער, אין געוויסע מצבים, צו אייער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס) איבער זיך און איבער אייער פאמיליע. די דעקלעראציע איבער די פרייוויסי געזעץ איז אין אייער אפליקאציע בויגן.

די אינפארמאציע, אינאיינעם מיט אייער סאשעל סעקיוריטי נאמבער, ווערט גענוצט צו באשטימען וועלכע פראגראמען קענען אייך זיין בייהילפיג, און עס ווערט אויך גענוצט אויף צו קענען געוואויר ווערן וויפיהל געלט און אנדערע הילף איר קענט באקומען. פאלגענד זענען נאך געוויסע נוצן פאר די אינפארמאציע:

- אויפן פארלאנג פון א געזעץ אינפארסירער אפיציר אין געוויסע מצבים, מוז א לאקאלע דעפארטמענט פון סאשעל סערוויסעס ארויסגעבן דער אדרעסס פון איינער וואס באקומט צייטווייליגע הילף אדער פוד-סטעמפס בענעפיטן.
- אין טייל פעלער ווערט די אינפארמאציע וואס איר געבט אונז גענוצט אויף צו צאמשטעלן א דזשורי.
- אין טייל פעלער, ווערט די אינפארמאציע מיטגעטיילט מיט די USCIS (די אימיגראציע און בירגערשאפט סערוויסעס פון די פאראייניגטע שטאטן). **הערה:** מעדיקעיד וועט נישט ארויסגעבן די אינפארמאציע וואס איר שטעלט אונז צו לגבי אייער אימיגראציע\בירגערשאפט סטאטוס צו די USCIS (די אימיגראציע און בירגערשאפט סערוויסעס פון די פאראייניגטע שטאטן).
- אינפארמאציע ווערט גענוצט פאר טשיילד-סאפפארט אנגעלעגנהייטן.
- אינפארמאציע ווערט מיטגעטיילט מיט אנדערע סטעיט אגענטורן וועלכע שטעלן צו ענליכע הילף, כדי צו פארמיידן גניבות און דאפעלירונג.

ווען אימער איר ווערט געבעטן פאר אינפארמאציע, מוזט איר עס צושטעלן כדי מיר זאלן קענען זען אויב איר קענט באקומען געלט אדער אנדערע הילף. די חלקים פון די געזעץ וועלכע זענען מחייב די ניו יארק אפיס פאר צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף, ניו יארק העלט דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס, צו באקומען פון אייך אינפארמאציע און נאכצופאשען די אינפארמאציע זענען חלקים 21, 132, 134-a, און 366-a פון די סאשעל סערוויסעס געזעץ, און חלק 1137 פון די פעדעראלע סאשעל סעקיוריטי געזעץ.

כדי צו פארזיכערן אז איר באקומט דגי געלט און אנדערע הילף צו וואס איר און אייער פאמיליע זענען בארעכטיגט צו באקומען, איז דא א ברירה אז אנדערע מענטשן זאלן געפרעגט ווערן מאשר צו זיין און צוצילייגן צו די אינפארמאציע וואס איר האט אונז שוין צוגעשטעלט. למשל:

- אויסצוגעפונען אויב איר פלעגט אדער איר טוט ארבעטן, און אויב אזוי – וויפיל געלט איר האט פארדינט, וועט אייער נאמען און סאשעל סעקיוריטי נאמבער ווערן געשיקט צום שטייער אמט פון ניו יארק סטעיט, ווי אויך צו ארבעטסגעבער וועלכע מיר ווייסן. אין טייל פעלער, וועט אייער נאמען און סאשעל סעקיוריטי נאמבער געשיקט ווערן צו גאווערנמענט אגענטורן אין אנדערע סטעיטס כדי אויסצוגעפונען אויב איר האט באקומען געלט אדער אנדערע הילף אין יענע סטעיטס.

**באמערקט:** אויב איר בעט אדער איר באקומט צייטווייליגע הילף אדער מעדיקעיד, מעגן מיר ארויסגעבן אייערע קינדער'ס סאשעל סעקיורעטי נאמבערס צו זייערע עלטערן ביי וועמען זיי וואוינען נישט כדי איינצושרייבן די קינדער אין די העלט-אינשורענס פון עלטערן ביי וועמען די קינדער וואוינען נישט, און אויב מען מוז, אויף אנצוהייבן אינפארסירן דאס באצאלן טשיילד-סאפפארט. אויב איר בעט בלויז מעדיקעיד, קענען מיר נאכגיין די עלטערן ביי וועמען די קינדער וואוינען נישט אז זיי זאלן צושטעלן מעדיקל אינטערלאגע.

- די אפטיילונג פאר אנעמפלאוימענט אינשורענס פון ניו יארק סטעיט און ענליכע אגענטורן אין אנדערע סטעיטס וועלן געפרעגט ווערן אויב איר האט באקומען אנעמפלאוימענט בענעפיטן.
- בענק קענען געפרעגט ווערן צו זען אויב איר האט באנק אקאונט(ס), אדער צו קאנפערמען אז איר האט איינס און וויפיל געלט איז דא אין אייער אקאונט.
- שולעס קענען אנגעפרעגט ווערן צו קאנפערמען אויב אייערע קינדער גייען דארט.
- די דעפארטמענט אוו מאטאר וויהיקלס פון ניו יארק קען אנגעפרעגט ווערן אויב איר באזיצט א קאר.
- די סאשעל סעקיורעטי אדמיניסטראציע וועט ווערן אנגעפרעגט איבער ארבעטס אינפארמאציע און צו זען אויב איר באקומט פענסיע אדער דיסאביליטי בענעפיטן.
- די דעפענס און וועטעראנען אנגעלעגנהייטן אגענטור ווערט אנגעפרעגט אויב איר זענט בארעכטיגט אדער אויב איר באקומט אנטשעדיגונג און\אדער פענסיע בענעפיטן.
- די שטייער אמט קען אנגעפרעגט ווערן איבער די פעדעראלע שטייער אינפארמאציע (1099) אויב איר בעט אדער איר באקומט צייטווייליגע הילף, כדי צו באשטימען אייערע הכנסות און יכולת.

די רעכטן פאר פערזענליכע פריוואסי זענען גילטיג אויך פאר אלע וועלכע בעטן אדער זענען שוין טייל פון מעדיקעיד און סערוויסעס.

אלע אינפארמאציע וואס איר שטעלט צו אויף אייער מעדיקעיד אפליקאציע וועט פארבלייבן קאנפידענשאל. די איינציגסטע מענטשן וועלכע וועלן זען די אינפארמאציע זענען די וועלכע זענען ממונה אנצופירן דאס איינשרייבן, ווי אויך די סטעיט און לאקאלע אגענטורן און די העלט אינשורענס וועלכע מוזן וויסן די אינפארמאציע כדי מחליט צו זיין אויב איר (דער אפליקאנט) און אייער הויזגעזינד מיטגלידער זענען בארעכטיגט. דער מענטש וועלכע העלפט אייך מיט אייער אפליקאציע טאר נישט דיסקוסירן אייער אפליקאציע מיט קיינעם, אויסער מיט א סופערווייזער אדער א סטעיט אדער לאקאלע אגענטור אדער העלט אינשורענס וועלכע דארפן האבן די אינפארמאציע.

איר קענט זיך באניצען מיט א קאנפידענשאל מעילינג אדרעסס אויב איר ווילט נישט אז די אינפארמאציע וואס זענען נוגע די FPBP (בענעפיטן פאר פעמיליע פלאנירונג) זאל אנקומען צו אייער רעגולארע אדרעסס. אויב איר מוזט האלטן די אינפארמאציע בנוגע אייערע פאמיליע פלאנירונג אין געהיים פון אייער העלט אינשורענס, זאגט דאס פאר אייער ארבעטער.

אויסער דאס נוצען די אינפארמאציע וואס איר געבט אונז אויף דעם אופן, נוצט די OTDA (די ניו יארק סטעיט אגענטור פאר צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף) די אינפארמאציע אויך פאר פירן און פלאנירן דעם פראגראם און צו פארזיכערן אז לאקאלע דעפארטמענטס פאר סאשעל סערוויסעס טון די בעסטע ארבעט וואס איז שייך (**"קוואליטעט קאנטראל"**). די אינפארמאציע ווערט געהאלטן דורך דער דעפיוטי קאמישאנער פון די DoIT (אפטיילונג פאר טעכנאלאגיע און אינפארמאציע) אינעם אגענטור פאר צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף 40 North Pearl Street, Albany, N. Y. 12243-0001

די OTDA (די ניו יארק סטעיט אגענטור פאר צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף) מאכט אויך א פארשונג געוואויר צו ווערן אויב אונזערע פראגראם זענען אפעקטיוו ארויסצוהעלפן די וואס בעטן אדער באקומען צייטווייליגע הילף מיט'ן טרעפן און האלטן דזשאבס. דער פארשונג איז זייער וויכטיג. עס העלפט אונז פארבעסערן די סערוויסעס וועלכע אפעקטירן טויזנטער געניסער פון צייטווייליגע הילף אזוויי אייך.

כדי אויסצופירן דעם פארשונג, איז וויכטיג נאכצוגיין די געהאלטן פון טייל פון די אפליקאנטן אדער געניסער פון די צייטווייליגע הילף פאר א תקופה ביז 10 יאר, נוצענדיג די סטעיט'ס סיסטעם ווי מען געבט איין די געהאלטן. די געהאלט אינפארמאציע ווערט גענוצט בלויז פאר פארשונג צוועקן. **עס אפעקטירט נישט אייער בארעכטיגונג פאר צייטווייליגע הילף בשום פנים ואופן.** אלע געהאלט אינפארמאציע וואס ווערט געזאמלט פאר דער פארשונג ווערט געהאלטן שטרענג אין געהיים. נאר די מענטשן וועלכע מאכן די פארשונג קענען זען די געהאלט אינפארמאציע און זיי האבן נישט קיין צוטריט צו די נעמען פון די באטרעפענדע אפליקאנטן אדער געניסער. אויב איר זענט א טייל פונעם פארשונג וועט אייער נאמען קיינמאל נישט דערמאנט ווערן אין א רעפארט, און קיין שום אינפארמאציע איבער אייער געהאלט וועט ווען אימער ארויסגעגעבן ווערן. אויב איר זענט דערגעגן אז אייער געהאלט אינפארמאציע זאל געווצט ווערן, קענט איר פארלאנגן אז מען זאל אייך ארויסנעמען פון די פארשונג דורך שרייבן צו:

**New York State Office of Temporary and Disability Assistance**
**Office of Program Evaluation**
**40 North Pearl Street**
**Albany, New York 12243**

**4. אייער רעכט צו אינטערזוכן אייערע רעקארדס**

איינמאל איר בעט פאר געלט אדער אן אנדערע סארט הילף, ווערן **צוויי** סארטן רעקארדס געהאלטן איבער אייער קעיס. געוויינליכערהייט האט איר די רעכט צו זען די רעקארדס.

עס איז מעגליך אז איר וועט **נישט** קענען זען טייל פון די רעקארדס. למשל, איר וועט נישט קענען זען די גאנצע אדער א חלק פון די טשיילד-סאפפארט, אדאפשען, פאוסטער קעיר, קינדער שוץ און פארמיידונג רעקארדס. אייער ארבעטער קען אייך מסביר זיין די רעגולאציעס.

**קעיס רעקארדס** -דער **ערשטער** סארטר קארד ווערט אנגערופן אייער **קעיס רעקארד** און עס אנטהאלט אלע פאפירן איבער אייער קעיס, **און** איר האט צוטריט דערצו דורך אייער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס. אייער קעיס רעקארד אנטהאלט מעגליך אייער אפליקאציע, קאפיעס פון געבורטשיינען, געהאלט סטאבס, הערות וואס אייער ארבעטער האט פארצייכנט בשעת'ן אינטערוויו, און סיי וועלכע אנדערע אינפארמאציע איבער אייער קעיס.

געוועגדליכערהייט האט איר די רעכט צו אינטערזוכן אייערע קעיס רעקארדס בשעת די ארבעט שטונדען. אבער, כדי דאס צו טון מוזט איר פון פריער בעטן דערפאר ביי אייער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס. איר קענט בעטן פאר קאפיעס פון די פאפירן וועלכע זענען אין אייער קעיס רעקארד, אבער איר וועט מעגליך מוזן באצאלן פאר'ן מאכן די קאפיעס פון די פאפירן. אויב די פאפירן וועלן גענוצט ווערן אדער פארלאנגט זיך צוליב א יושר'דיגע איבערזוכט (Fair Hearing), מוזן די קאפיעס פון דעם ווערן צוגעשטעלט פאר אייך בחינם.

**קאמפיוטער רעקארדס** -די **צווייטע** סארט רעקארד ווערט געהאלטן אויף די קאמפיוטער סיסטעם וואס ווערט אויפגעהאלטן דורך די OTDA (ניו יארק סטעיט אגענטור פאר צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף), די DOH (ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט), אדער די OCFS (ניו יארק סטעיט אגענטור פאר קינדער און פאמיליע סערוויסעס). די אינפארמאציע איבער אייער קעיס ווערט אריינגעשטעלט אין די דאזיגע סטעיט קאמפיוטערס דורך אייער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס און/אדער דורך א אטאראזירטע וואלונטיר אגענטור וועלכע שטעלט צו סערוויסעס פאר אייך און אייער פאמיליע. און רוב פעלער האט איר אויך די רעכט צו זען די קאמפיוטער רעקארד וועלכע ווערט געהאלטן דורך די סטעיט. בדרך כלל זאלט איר עס בעטן ביי די זעלבע לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס ווי איר האט זיך איינגעשריבן אדער וועלכע שטעלט צו די סערוויסעס פאר אייך און/אדער אייער פאמיליע. שמועסט איבער מיט אייער ארבעטער ווי צו שיקן אייער בקשה.

פאר קאפיעס פון ספעציפישע געזונטהייט אינפארמאציע וועלכע איז באשיצט דורך מעדיקעיד, מוז א געשריבענע בקשה געשיקט ווערן צו:

**Claim Detail Unit**
**NYS Department of Health**
**Office of Medicaid Management**
**99 Washington Ave**
**th floor, Suite 7297**
**Albany, NY 12210**

ווען איר שרייבט צו פארלאנגען קאפיעס פון אייערע קאמפיוטער רעקארדס, פארלאנגט דאס געזעץ (Personal Privacy Protection Law) פון די ניו יארק סטעיט אגענטורן אז ביז 5 טעג נאכדעם וואס זיי ערהאלטן אייער בריוו, מוזן זיי:

- איך שיקן אייערע רעקארדס; **אדער**
- אייך זאגן פארוואס זיי וועלן אייך נישט געבן די רעקארדס; **אדער**
- אייך זאגן אז זיי האבן ערהאלטן אייער בקשה און זיי וועלן מאכן א החלטה אויב איר וועט ערלויבט ווערן צו באקומען אייערע רעקארדס.

## 5. קאנפערענסעס און יושר'דיגע איבערזוכטן

אויב איר האלט אז סיי וועלכע החלטה איבער אייער קעיס איז אומריכטיג, אדער אויב איר פארשטייט נישט א החלטה, זאלט איר עס זאפארט איבערשמועסן מיער ארבעטער. אויב איר זענט נאכאלטס נישט מסכים אדער איר פארשטייט נאכאלטס נישט, האט איר די רעכט צו א **קאנפערענס** און א **יושר'דיגע איבערזוכט**.

**קאנפערענס** -א קאנפערענס איז ווען איר טרעפט זיך מיט איינעם וועלכע איז נישט דער יעניגער וועלכע האט געמאכט די החלטה איבער אייער קעיס. ביים קאנפערענס וועט יענער מענטש מאכן אן איבערזוכט אויף יענע החלטה. טיילמאל איז א קאנפערענס די שנעלסטע וועג צו לייזן סיי וועלכע פראבלעם איר האט. אונז מוטיגן אייך צו פארלאנגן אזאנס **אפילו אויב איר האט פארלאנגט א יושר'דיגע איבערזוכט**. קענפערענסעס זענען אבער דאך פרייוויליג, און איר קענט פארלאנגן א יושר'דיגע איבערזוכט אפילו אויב איר נישט געבעטן פאר א קאנפערענס. צו פארלאנגן א קאנפערענס, רופט אדער שרייבט צו אייער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס.

**א קאנפערענס איז נישט א יושר'דיגע איבערזוכט.** אויב מען האט אייך מודיע געווען אז אייער קעיס ווערט פארמאכט, אדער אז דאס געלט אדער אנדערע הילף וואס איר באקומט וועט פארמינערט ווערן, און דער פראבלעם איז נישט געלייזט געווארן דורך א קאנפערענס, מוזט איר פארלאנגען א **יושר'דיגע איבערזוכט** כדי צו אפצוהאלטן דאס געלט אדער אנדערע הילף וואס איר באקומט פון ווערן אפגעשטעלט אדער פארמינערט.

| |
|---|
| **באמערקט:** א בקשה פאר א קאנפערענס איז ניט א בקשה פאר א יושר'דיגע איבערזוכט. אויב איר ווילט א יושר'דיגע איבערזוכט, דאן מוזט איר בעטן דערפאר. |

**יושר'דיגע איבערזוכט-** א יושר'דיגע איבערזוכט איז א געלעגנהייט פאר אייך צו אויסשמועסן פארענט פון א ריכטער פון אדמיניסטראטיווע געזעץ פון די ניו יארק סטעיט אגענטור פאר צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף פארוואס איר האלט אז די החלטה איבער אייער קעיס איז נישט ריכטיג. די סטעיט וועט דאן ארויסגעבן א געשריבענע פסק וועלכע וועט זאגן אויב די החלטה פון דער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס איז געווען ריכטיג אדער אומריכטיג. דער געשריבענע פסק וועט מעגליך באפעלן דער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס צו פארעכטן אייער קעיס.

**טייל פון די סיבות וועלכע בארעכטיגן אייך צו פארלאנגן א יושר'דיגע איבערזוכט**

- איר האט מסכים געווען צוריקצוציען אייער אפליקאציע אבער איר פילט אז איר זענט געגעבן געווארן אומריכטיגע אדער אומגענצליכע אינפארמאציע איבער אייער בארעכטיגונג פאר דער פראגראם אדער סערוויס.
- אייער אפליקאציע פאר צייטווייליגע הילף, מעדיקעיד, פו-סטעמפס בענעפיטן, סערוויסעס, טשיילד-קעיר, אדער HEAP (היים ענערגיע הילפס פראגראם) איז אפגעזאגט געווארן, און איר זענט נישט מסכים מיט די החלטה.

- איר האט אפעלירט פאר צייטווייליגע הילף, פוד-סטעמפס בענעפיטן, סערוויסעס אדער HEAP און עס שוין דורכגעגאנגען מער פון 30 טעג. איר זענט נאכנישט געזאגט געווארן אויב אייער אפליקאציע איז באשטעטיגט געווארן אדער אפגעזאגט געווארן. פאר געוויסע ערוואקסענע וועלכע בעטן צייטווייליגע הילף, קען די החלטה גדויערן ביז 45 טעג.
- איר גלויבט אז אייערע צייטווייליגע הילף, מעדיקעיד, סערוויסעס, טשיילד-קעיר, אדער HEAP זענען צו ווייניג.
- איר האט אפילירט פאר מעדיקעיד אבער איר האט נישט ערהאלטן א נאטיץ אויב איר זענט באשטעטיגט אדער אפגעזאגט.
  - אויב איר זענט מעוברת אדער איר מאכט א פארלאנג פאר א יונגע קינד, זאט איר באקומען א נאטיץ ביז 30 טעג.
  - אויב איר מאכט א פארלאנג אלס א מענטש מיט דיסאביליטיס, קען אייער החלטה געדויערן ביז 90 טעג.
  - אלע אנדערע וועלן באקומען א נאטיץ ביז 45 טעג.
- איר זענט געזאגט געווארן אז איר זענט פעאיג צו ארבעטן און איר דארף אנטייל נעמען אין א ארבעטס טעטיגקייט (ארבעט-פעאיג), און איר זענט נישט מסכים מיט די החלטה.
- איר האלט אז דער סכום פון צייטווייליגע הילף אדער פוד-סטעמפס בענעפיטן אדער טשיילד-קעיר בענעפיטן איז נישט ריכטיג.
- איר באקומט מעדיקעיד אדער טשיילד-קעיר בענעפיטן, אבער איר מוזט באצאלן א טייל פון די קאסטן. איר האלט אז אייער חלק איז צופיל.
- מעדיקעיד באצאלט פאר א סערוויס און איר זענט געזאגט געווארן אז אייער סערוויס וועט פארמינערט ווערן אדער גענצליך אפגעשטעלט. איר זענט נישט מסכים מיט דעם.
- איר האט געמאכט א פארלאנג פאר א מעדיקעיד waiver program און איר זענט אפגעזאגט געווארן. איר זענט נישט מסכים מיט דעם.
- איר זענט געזאגט געווארן אז צוליב אייער אביוז פון מעדיקעיד מוז איר זיך באנוצן מיט איין עיקר דאקטאר (Recipient Restriction Program). איר זענט נישט מסכים מיט די החלטה. **(זע "אייער אחריות", חלק 14, "אחריות לגבי זיך באנוצען מיט דאקטורים".)**
- איר באקומט צייטווייליגע הילף, מעדיקעיד, פוד-סטעמפס בענעפיטן, סערוויסעס, אדער טשיילד-קעיר און איר זענט געזאגט געווארן אז אייער קעיס וועט פארמאכט. איר זענט נישט מסכים מיט די החלטה.
- איר האט פארלאנגט אז EBT (איבערגעבן בענעפיטן עלעקטראניש) בענעפיטן וועלכע זענען אוועקגעפירט געווארן פון אייך זאל צוריקגעשטעלט ווערן, און מען האט עס נישט צוריקגעשטעלט.
- איר האט געבעטן מען זאל פארעכטן די סכום פון אייערע פוד-סטעמפס בענעפיטן EBT חשבון און אייער בקשה איז געווארן אפגעזאגט.
- אייער פוד-סטעמפס EBT חשבון איז פארמינערט געווארן צו פארעכטן א טעות אינעם EBT סיסטעם, און איר זענט נישט מסכים מיט די החלטה.
- אייער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס נוצט א טייל פון אייערע צייטווייליגע הילף דירעקט צו באצאלן אייערע ביללס, וי למשל הייצונג, רענט, יוטיליטיס (Restricted Payments). איר זענט נישט מסכים מיט דעם.
- איר בעט פאר מער הילף אדער סערוויסעס פאר א ספעציעלע געברויך אומען זאגט אייך אז איר קענט עס נישט באקומען. איר זענט נישט מסכים מיט דעם.
- איר באקומט צייטווייליגע הילף אדער פוד-סטעמפס בענעפיטן, סערוויסעס, אדער טשיילד-קעיר בענעפיטן יעדן חודש, און איר ווערט געזאגט אז איר וועט באקומען ווייניגער. איר זענט נישט מסכים מיט דעם.
- מען האט אייך מודיע געווען אז איר האט באקומען צופיהל פאר טשיילד-קעיר סערוויסעס, צייטווייליגע הילף, אדער פוד-סטעמפס בענעפיטן און מען האט אייך געזאגט אז איר וועט דארפן צוריקצאלן וואס מען האט אייך איבערגעצאלט. איר זענט נישט מסכים אז מען האט אייך איבערגעצאלט, אדער איר זענט נישט מסכים מיט די סכום וואס מען האט איבערגעצאלט.

ביי די יושר'דיגע איבערזוכט וועט איר האבן די געלעגנהייט מסביר צו זיין פארוואב איר האלט אז די החלטה איז נישט ריכטיג.

**צייטליכע לימיט צו פארלאנגען א יושר'דיגע איבערזוכט** - אויב איר ווילט פארלאנגן א יושר'דיגע איבערזוכט פאר צייטווייליגע הילף, מעדיקעיד, פוד-סטעמפס בענעפיטן, סערוויסעס אדער טשיילד קעיר, רופט **שוין** ווייל **עס זענען דא צייט באגרעניצונגען**. אויב אירווארט צו לאנג, וועט איר מעגליך נישט קענען באקומען א יושר'דיגע איבערזוכט.

| |
|---|
| **באמערקט:** אויב אייער מצב איז זייער ערענסט, וועט דער ניו יארק סטעיט אגענטור פאר צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף ייך מסדר זיין א יושר'דיגע איבערזוכט אזוי באלד ווי מעגליך. ווען איר רופט אדער שרייבט פאר א יושר'דיגע איבערזוכט, מאכט זיכער מסביר צו זיין אז אייער מצב איז זייער ערנסט . |

**אויב איר האט יא באקומען א נאטיץ איבער אייער קעיס** און איר ווילט בעטן פאר א יושר'דיגע איבערזוכט, וועט דער נאטיץ אייך לאזן וויסן וויפיהל צייט איר האט צו מאכן א פארלאנג פאר א יושר'דיגע איבערזוכט. **מאכט זיכער דורכצולייענען די נאטיץ גרינטלעך.**

אויב אייער נאטיץ זאגט אייך אז אייער **צייטווייליגע הילף, מעדיקעיד, סערוויסעס אדער טשיילד-קעיר** איז אפגעזאגט געווארן, וועט אפגעשטעלט ווערן, אדער עסו ועט פארמינערט ווערן, מעגט איר בעטן פאר א יושר'דיגע איבערזוכט ביז **60** טעג נאכ'ן דאטום פונעם נאטיץ.

אויב אייער נאטיץ זאגט אייך אז אייערע **פוד-סטעמפס בענעפיטן** זענען אפגעזאגט געווארן, וועט ווערן אפגעשטעלט, אדער עסו ועט פארמינערט ווערן, מעגט איר בעטן פאר א **יושר'דיגע** איבערזוכט ביז **90** טעג נאכ'ן דאטום פון די נאטיץ. איר מעגט בעטן פאר א **יושר'דיגע** איבערזוכט אויב איר האלט אז איר באקומט נישט גענוגע פוד-סטעמפס בענעפיטן דורכאויס סיי וועלכע צייט בשעת איר מאכט די רי-סערטיפיקעישאן.

**אויב איר <u>באקומט נישט</u> א נאטיץ איבער אייער קעיס**, און אייער געלט אדער הילף ווערט אפגעזאגט, אפגעשטעלט, אדער פארמינערט, קענט איר בעטן פאר א יושר'דיגע איבערזוכט.

וויאזוי צו פארלאנגן א יושר'דיגע איבערזוכט

**אויב איר <u>האט יא</u> באקומען א נאטיץ איבער אייער קעיס**, און איר ווילט בעטן פאר א יושר'דיגע איבערזוכט, וועט די נאטיץ אייך לאזן וויסן וויאזוי. **מאכט זיכער דורכצולייענען די נאטיץ גרינטלעך.**

אויב איר באקומט א נאטיץ וועלכע לאזט אייך וויסן אז אייער געלט אדער אנדערע הילף וועט ווערן אפגעשטעלט אדער פארמינערט, און איר בעט פאר א יושר'דיגע איבערזוכט איידער די **דאטום וואס עס דארף ווערן אקטועל** וועלכע איז אנגעצייכנט אויף די נאטיץ, דאן וועט אייער געלט אדער אנדערע הילף, אין רוב פעלער, פארבלייבן דאס זעלבע **("פארזעצונג פון הילף")** ביז ווילאנג א פסק וועט ארויסקומען פון דער יושר'דיגע איבערזוכט. אויב דער נאטיץ איזנישט ארויסגעשיקט געווארן איידער די דאטום ווען עס דארף ווערן אקטועל, און איר פארלאנגט א יושר'דיגע איבערזוכט ביז **10** טעג פונעם פאסטמארק דאטום אויפ'ן נאטיץ, דאן האט איר אויך די רעכט אז אייער געלט אדער אנדערע הילף זאל פארבלייבן דאס זעלבע **("פארזעצונג פון הילף")** ביז דער פסק פון דער יושר'דיגע איבערזוכט קומט ארויס.

דאך, אויב איר באקומט יא די **"פארזעצונג פון הילף"** און איר פארלירט ביים יושר'דיגע איבערזוכט, וועט איר מוזן צוריקצאלן סיי וועלכע צייטווייליגע הילף, פוד-סטעמפס בענעפיטן, מעדיקעיד און/אדער טשיילד-קעיר בענעפיטן וועלכע איר האט באקומען אלס "פארזעצונג פון הילף" ווילאנג איר האט געווארט פאר דער פסק פונעם יושר'דיגע איבערזוכט.

אויב איר **ווילט נישט** אז דאס געלט אדער אנדערע הילף וואס איר באקומט זאל פארבלייבן דאס זעלבע ביז ווילאנג דער פסק פונעם יושר'דיגע איבערזוכט ווערט געמאכט, מוזט איר דאס זאגן פאר די ניו יארק סטעיט אגענטור פאר צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף ווען איר רופט אדער שרייבט פאר א יושר'דיגע איבערזוכט.

**אויב איר <u>באקומט נישט</u> א נאטיץ איבער אייער קעיס**, און אייער געלט אדער אנדערע הילף ווערט אפגעשטעלט אדער פארמינערט, קענט איר נאכאלטס פארלאנגן א יושר'דיגע איבערזוכט. צו די זעלבע צייט וואס איר מאכט א פארלאנג פאר א יושר'דיגע איבערזוכט, קענט איר אויך פארלאנגען אז אייער געלט אדער אנדערע הילף זאלן ווערן צוריקגעשטעלט **("פארזעצונג פון הילף")**.

דאך, אויב איר באקומט יא די **"פארזעצונג פון הילף"** און איר פארלירט ביים יושר'דיגע איבערזוכט, וועט איר מוזן צוריקצאלן סיי וועלכע צייטווייליגע הילף, פוד-סטעמפס בענעפיטן, מעדיקעיד און/אדער טשיילד-קעיר בענעפיטן וועלכע איר האט באקומען אלס "פארזעצונג פון הילף" ווילאנג איר האט געווארט פאר דער פסק פונעם יושר'דיגע איבערזוכט.

**וואס איר זאלט טון פאר א יושר'דיגע איבערזוכט**

די ניו יארק סטעיט אגענטור פאר צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף וועט אייך שיקן א נאטיץ וועלכע וועט אייך אינפארמירן ווען און ווי דער יושר'דיגע איבערזוכט וועט פארקומען.

אייך צו העלפן זיך גרייטן פאר דער יושר'דיגע איבערזוכט, האט איר די רעכט איבערצוקוקן אייער קעיס רעקארד און באקומען אומזיסטע קאפיעס פון די פארעמס און פאפירן וועלכע וועלן געגעבן ווערן צום אדמיניסטריוו-געזעץ ריכטער ביי דעם יושר'דיגע איבערזוכט. איר קענט אויך באקומען אומזיסטע קאפיעס פון סיי וועלכע אנדערע פאפירן אין אייער קעיס רעקארד וועלכע איר האלט אז איר וועט עס דארפן ביי דעם יושר'דיגע איבערזוכט. געווענדלך קענט איר באקומען די פאפירן איידער דעם איבערזוכט, אדער אמשפעטסטנס בשעת דער איבערזוכט. אויב איר האט פארלאנגט סיי וועלכע פאפירן, און דער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס געבט עס אייך נישט איידער אדער בשעת דער איבערזוכט, זאלט איר דערציילן דעם אדמיניסטראטיוו-געזעץ ריכטער וועגן דעם. **(זעט אייערע רעכטן, "חלק 4, "אייערע רעכטן צו א איבערזיכט פון אייערע רעקארדס".)**

איר מעגט מיטברענגען א לויער, א קרוב, אדער א פריינט צו דער יושר'דיגע איבערזוכט אייך ארויסצוהעלפן מסביר צו זיין פארוואס איר האלט אז די החלטה איבער אייער קעיס איז אומריכטיג. אויב איר קענט נישט גיין צום יושר'דיגע איבערזוכט, קענט איר שיקן א צווייטן אנטשטאטס אייך. אויב איר שיקט איינעם צום יושר'דיגע איבערזוכט וועלכע איז נישט א לויער, זאלט איר מיטשיקן מיט יענעם א בריוו איבערצוגעבן צום אדמיניסטראטיווע-געזעץ ריכטער. דער בריוו זאל לאזן דעם ריכטער וויסן אז יענער נעמט איבער אייער פלאץ.

אייך צו העלפן מסביר זיין ביים יושר'דיגע איבערזוכט פארוואס איר האלט אז די החלטה איז אומריכטיג, זאלט איר אויך ברענגן סיי וועלכע עדות וועלכע קענען אייך זיין בייהילפיג, און סיי וועלכע אינפארמאציע וואעלכע איר באזיצט, ווי למשל:

- **פעי סטאבס**
- **ליעסעס**
- **בײללס**
- **דאקטאר'ס סטעיטמענטס**
- **רעסיטס**

עמיצער פון אייער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס וועט אויך זיין אנוועזנד ביים יושר'דיגע איבערזוכט מסביר צו זיין די החלטה איבער אייער קעיס. איר אדער אייער שליח וועט קענען אויספרעגן דעם מענטש, און פארשטעלן אייער זייט פון די קעיס. איר אדער אייער שליח וועט אויך קענען אויספרעגן סיי וועלכע עדות איר ברענגט מיט אייך צו העלפן.

אויב איר מיינט אז איר דארפט האבן א לויער אייך צו העלפן מיט דעם יושר'דיגע איבערזוכט, קענט איר מעגליך באקומען א לויער בחינם דורך רופן אייער לאקאלע Legal Aid אדער Legal Services אגענטור. פאר די נעמען פון אנדערע לויערס, רופט אייער לאקאלע באר אסאסיאציע.

**באמערקט:** אויב איר בעט פאר דעם, קענט איר צוריקבאקומען דאס געלט וואס איר האט אויסגעגעבן פאר פאבליק טראנספארטאציע, טשיילד-קעיר און אנדערע נויטווענדיגע אויסגאבן כדי צו קענען גיין צו דער יושר'דיגע איבערזוכט. אויב עס איז נישט פאראן קיין פאבליק טראנפארטאציע, קענט איר מעגליך צוריקבאקומען דאס געלט וואס איר האט אויסגעגעבן פאר אן אנדערע סארט טראנספארטאציע. אויב איר קענט זיך נישט באנוצן מיט פאבליק טראנספארטאציע צוליב א געזונטהייטס פראבלעם, קענט איר מעגליך צוריקבאקומען דאס געלט וואס איר האט אויסגעגעבן פאר אן אנדערע סארט טראנספארטאציע. אבער איר וועט מעגליך מוזן צושטעלן א באווייז פאר דע געזונטהייטס פראבלעם.

אויב איר וואונט ווי אימער אין ניו יארק סטעיט, קענט איר פארלאנגן א יושר'דיגע איבערזוכט דורכ'ן טעלעפאן, פאקס מאשין, אינטערנעט, אדער דורך שרייבן צו
די אדרעסס דא אונטן.

**טעלעפאן:** די בחינם'דיגע נאמבער צו רופן מיט א פארלאנג דורכאויס די סטעיט איז 800-342-3334. ביטע האט מיט זיך דער נאטיץ, אויב איר האט איינס, ווען איר רופט.

**פאַקס:** פון אייער בקשה פאר א יושר'דיגע איבערזוכט צו: 518-473-6375

**אינטערנעט:** פילט אויס דער פארעם דורכ'ן אינטערנעט ביי http://www.otda.state.ny.us.us/oah/forms.asp

**דורך שרייבן:** אויב האט איר א נאטיץ, פילט אויס די אנגעגעבענע פךאץ און שיקט א קאפי פונעם נאטיץ, אדער שרייבט צו:

**NYS Office of Temporary and Disability Assistance**
**Office of Administrative Hearings**
**P.O. Box 1930**
**Albany, New York 12201-1930** *ביטע האלט ביי אייך א קאפי פון סיי וועלכע נאטיץ*

אויב אייער פארלאנג באציהט זיך צו סיי וואס איבער מעדיקל בענעפיטן אדער סערוויסעס וועלכע ווערן צוגעשטעלט דורך אייער managed Care plan אדער managed Long Term Care, קענט איר שרייבן צו:

**NYS Office of Temporary and Disability Assistance**
**Office of Administrative Hearings**
**Managed Care Hearing Unit**
**P.O. Box 22023**
**Albany, New York 12201-2023**

**פאַקס:** א קאפי פון אייער נאטיץ, אדער אייער געשריבענע בקשה צו (518) 473-6735.

איר קענט אויך מאכן אייער בקשה פערזענליך, דורך פערזענליך אריבערקומען צו די אגענטורן וואס זענען אויסגערעכנט דא אונטן:

**פערזענליך אריבערקומען** ברענגט מיט א קאפי פון דעם נאטיץ, אדער בעט פאר א איבערזוכט פון אן אנגעלעגנהייט וועלכע האט נישט צו טון מיט'ן נאטיץ, צו:

**Office of Temporary & Disability Assistance**
**Office of Administrative Hearings**
**14 Boerum Place**
**Brooklyn, New York**
**אדער**
**330 W. 34th Street, 3rd Fl., New York, New York**
**אדער**
**NYS Office of Temporary and Disability Assistance**
**Office of Administrative Hearings**
**Fair Hearings**
**P.O. Box 1930**
**Albany, NY 12201-1930**

**באמערקט:** פאר עמערדזשענסי יושר'דיגע איבערזוכט בלויז אין ניו יארק סיטי – רופט (800) 205-0110. נוצט נישט דעם טעלעפאן נאמבער פאר סיי וואס אויסער פאר אן עמערדזשענסי. בשקות וועלכע זענען נישט קיין עמערדזשענסי וועלן נישט אויפגענומען ווערן ביי דעם נאמבער.

**6. רעכטן בנוגע טרעפן א דזשאב ווען איר באקומט צייטווייליגע הילף**

בנוגע צייטווייליגע הילף

אלס א געניסער פון צייטווייליגע הילף, איז ערוואַרטעט פון אייך צו זוכן פאר ארבעט און אנטייל צו נעמען אין אקטיוויטעטן וועלכע וועלן אייך העלפן באקומען און האלטן א דזשאב. אויב איר האט נישט א הויכשולע דיפלאם אדער ענליכס, לשמל א GED דיפלאם, קענט איר מעגליך זיין בארעכטיגט און פארלאנגט ווערן אנטייל צו נעמען אין א בילדינג-אקטיוויטעט צו פארבעסערן אייערע יסודות'דיגע פעאיגקייטן און/אדער צו באקומען א דיפלאם ענליך צו דאס פון א הויכשולע. איר וועט לכאורה ערוואַרטעט ווערן אנטייל צו נעמען אין א דזשאב, ארבעט עקספיריענס אדער אנדערע אקטיוויטעטן אין צוזאמענהאנג מט אייער בילדינג. לאזט אייער ארבעטער וויסן אויב איר זענט אינטערעסירט אין אנטיילנעמען אין א בילדינג-אקטיוויטעט.

אויב איר גלויבט אז איר וועט נישט קענען זיך צושטעלן מיט א טייל אדער אלע פון די ארבעטס פארלאנגען צוליב געוואלדטאטען אינדערהיים, קענט איר מעגליך באקומען א צייטווייליגע פערזיכט (וויתור) פאר די דאזיגע פארלאנגען. צו פארלאנגען א פערזיכט, מוזט איר ענגצליך אויספילן דעם Domestic Violence Screening Form אדער מודיע זיין אייער ארבעטער אז איר ווילט זיך טרעפן מיט א לעיעזאן איבער געוואלדטאטן אינדערהיים פאר אן אפשאצונג.-

אויב איר האט פיזישע אדער גייסטישע באגרעניצונגען וועלכע באלטן אייך שטארק צוריק פון איינס אדער מער פון די עיקר מענטשליכע אקטיוויטעטן, איר האט א רעקארד פון האבן אזא באגרעניצונג, אדער איר ווערט באטראכט אלץ איינער וועלכע פארמאגט אזא באגרעניצונג, האט איר מעגליך די רעכט אונטער חלק 504 פון די Rehabilitation Act of 1973 און Title II פון דער Americans with Disabilities Act of 1990. פיזישע אדער גייסטישע געזונטהייט באגרעניצונגען זענען כולל למשל לערנען דיאסביליטיס, גייסטיש צוריקגעשטאנען, דעפרעסיע, שוועריגקייטן צו גיין, שמיעה און ראייה פראבלעמען. דאס האבן א דיסאביליטי וועט איך נישט דיסקוואליפיצירן פון באקומען צייטווייליגע הילף.

דער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס וועט אייך פרעגן אויב עס איז פאראן סיי וואס, אריינגערעכנט א פיזישע אדער גייסטישע באגרעניצונג, וועלכע קען האבן א השפעה אויף אייער מעגליכקייט אנטיילצונעמען אין ארבעטס אקטיוויטעטן, אריינגערעכנט צו האבן א דזשאב. אויב איר ווילט נישט, מוזט איר נישט דערציילן פאר דער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס אז איר האט א דיסאביליטי, אבער דאן וועט מען מעגליך פארלאנגען פון אייך אינטייל צו נעמען אין ארבעט אקטיוויטעטן, אריינגערעכנט נעמען א דזשאב, אן זיך רעכענען מיט אייער דיסאביליטי. סיי וועלכע אינפארמאציע איר גיבט אריין צו דער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס וועט געהאלטן ווערן אין געהיים און וועט גענוצט ווערן צו דערגיין אויב איר נויטיגט זיך אין די סערוויסעס, און צו זיך פארהעלטנמעסיג צושטעלן אייך צו העלפן אנטייל נעמען אין ארבעטס אקטיוויטעטן. פארהעלטנמעסיגע צושטעלונגען קען אריינרעכענען, למשל, פארמינערטע אדער געטוישטע ארבעטס שעות צו ערלויבן צייט פאר אפאוינטמענטס בשייכות מיט אייער דיסאביליטי, ארבעטס פלעצער וועלכע זענען אויסגעשטעלט צו אקאמאדירן צוטריט פאר מענטשן וועלכע האבן שוועריגקייטן זיך צו באגיין, און ספעציליזירטע פראגראמען. אויב אייער דיסאביליטי איז געהעריג דאקומענטירט, וועט דער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס צוטיילן ארבעטס אקטיוויטעטן וועלכע זענען אין איינקלאנג מיט אייערע באגרעניצונגען.

אויב איר זענט נישט מסכים מיט די ארבעטס אקטיוויטעטן וואס מען האט אייך צוגעטיילט און איר האלט אז איר קענט נישט אויספירן די פליכטן צוליב געזונטהייט באגרעניצונגען, אריינגערעכנט אויב איר האלט אז דער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס האט נישט געהעריג אקאמעדירט אייער דיסאביליטי, קענט איר פארלאנגען א שליכטונג קאנפערענס (conciliation conference). א שליכטונג קאנפערענס איז א מיטינג מיט די שטאב פון אייער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס, איבערצושמועסן פארוואס איר זענט נישט מסכים מיט די ארבעטס אקטיוויטעטן וועלכע מ'האט אייך צוגעטיילט. א מענטש וועלכע איז נישט דירעקט אחראי פאר אייער קעיס וועט זיין אנוועזנד ביי דעם קאנפערענס. דער מענטש וועט פרובירן צו שליכטן סיי וועלכע פראבלעמען. אויב איר פארלאנגט א שליכטונג קאנפערענס, זענט איר נאכאלטס ערווארטעט זיך צוצישטעלן מיט די ארבעטס אקטיוויטעטן וואס מיר האבן אייך צוגעטיילט. איר קענט אויך פארלאנגען א יושר'דיגע איבערזוכט צו זאגן פאר א ריכטער פון אדמיניסטראטיווע-געזעץ פארוואס איר זענט נישט איינשטימיג מיט וואס מיר האבן אייך צוגעטיילט. אויב איר זענט געווארן צוגעטיילט א דזשאב אדער א טרענירונג פראגראם צוגעשטעלט דורך א רעליגיעזע ארגעניזאציע, האט איר די רעכט צו באקומען ענליכע סערוויסעס צוגעשטעלט דורך אן אנדערע פארזארגער.

אויב אייער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס האט אייך צוגעטיילט אן ארבעטס אקטיוויטעט און איר פירט נישט אויס אייערע פליכטן, וועט מען אייך מעגליך אנטראגן צו פארלאנגן א שליכטונג קאנפערענס. א שליכטונג קאנפערענס איז א מיטינג מיט די שטאב פון אייער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס, מסביר צו זיין פארוואס איר באטייליגט זיך נישט. אויב דער ךאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס איז מחליט אז איר האט געהאט א גוטע סיבה פארוואס איר האט זיך נישט באטייליגט ווען איר זענט געווען מחוייב, וועט איר נישט באשטראפט ווערן. אויב איר זענט נישט מסכים מיט די לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס אז איר האט נישט געהאט א גוטע סיבה פאר'ן נישט אנטייל נעמען, אדער אויב איר האט נישט פארלאנגט א שליכטונג קאנפערענס ווען מען האט עס אייך אנגעטראגן, און אייער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס באשטראפט אייך, קענט איר אויך פארלאנגען א יושר'דיגע איבערזוכט צו זאגן פאר א ריכטער פון אדמיניסטראטיווע-געזעץ פארוואס איר האט זיך נישט באטייליגט.

איר זאלט מודיע זיין פאר דער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס אויב איר דארפט הילף מיט הוצאות, למשל טשיילד-קעיר אדער טראנספארטאציע, כדי צו קענען זיך באטייליגן אין ארבעטס אקטיוויטעטן, אריינגערעכנט האלטן א דזשאב. אויב איר צייגט אז איר דארפט הילף מיט די הוצאות צו האטן א דזשאב אדער א הוצאה בשייכות מיט אן ארבעטס אקטיוויטעט, וועט דער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס אייך אינפארמירן וויאזוי צו באקומען צוטריט צו עוועליבל סערוויסעס און וועט צוריקבאצאלן די הוצאות וועלכע דער דיסטריקט באשטימט אז עס איז נויטווענדיג פאר אייך כדי זיך צו באטייליגן אין ארבעטס אקטיוויטעטן. אויב איר קענט נישט טרעפן די נויטיגע טשיילד-קעיר פאר א קינד וועלכע איז אונטער דרייצן יאר אלט, וועט דער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס אייך העלפן טרעפן טשיילד-קעיר.

**פאר פוד סטעמפס בענעפיטן**

אויב איר זענט נישט מסכים אז איר זענט פעאיג צו ארבעטן, זאלט איר מודיע זיין דער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס אז איר גלייבט אז איר וואלט געדארפט באפרייט ווערן פון אנטייל נעמען אין ארבעטס אקטיוויטעטן. דער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס וועט אייך מודיע זיין איבער א החלטה אויף אייער תביעה. אויב דער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס איז נישט מסכים מיט אייך, קענט איר פארלאנגען א יושר'דיגע איבערזוכט צו זאגן פאר א ריכטער פאר אדמיניסטראטיווע געזעצן פארוואס איר האלט אז איר זענט נישט פעאיג צו ארבעטן.

אויב איר זענט מחוייב אנטייל צו נעמען אין פוד סטעמפס ארבעט אקטיוויטעטן, איז מעגליך אז איר קענט באקומען הילף צו באצאלען פאר געוויסע הוצאות בשייכות מיט די ארבעט. עס איז אויך מעגליך אז איר וועט קענען באקומען הילף מיט טשיילד-קעיר קאסטן.

איר זאלט אינפארמירן דער לעקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס אויב איר ברויכט הילף צו באקומען טשיילד-קעיר אדער צו באצאלן פאר הוצאות בשייכות מיט ארבעט, ווי למשל טראנספארטאציע. אויב איר קענט נישט טרעפן די נויטיגע טשיילד-קעיר פאר א קינד וועלכע איז אונטער דרייצן יאר אלט, וועט דער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס אייך העלפן טרעפן טשיילד-קעיר.

**פאר מעדיקעיד**

עס זענען נישטא קיין ארבעטס פארלאנגען פאר מעדיקעיד. אבער כדי צו זיין בארעכטיגט פאר די מעדיקעיד Buy-In פראגראם פאר מענטשן מיט דיסאביליטיס וועלכע ארבעטן, מוז א מענטש זיין פארנטמען מיט ארבעט.

**7. רעכטן פון קינדער און עלטערן ווען פאטערשאפט איז באשטימט דורך די געריכט**

ווען א געריכט האט באשטימט ווער איז דער פאטער פונעם קינד, איז מעגליך אז סיי דער פאטער און סיי דאס קינד האבן רעכטן, ווי ווייטער ערקלערט:

ע. דאס **קינד** האט מעגליך די רעכט צו:

- דיסאביליטי בענעפיטן אויב דער טאטע ווערט אן אינוואליד
- טויט בענעפיטן אויב דער פאטער ווערט נפטר
- א ירושה ווען דער פאטער ווערט נפטר
- קינדער געלט צאלונגען ביז ער ווערט 21 יאר אלט

B. דער **פאטער** האט מעגליך די רעכטן צו

- באקומען זארגרעכט (קאסטאדי) איבער'ן קינד
- אפהאלטן באזוכן מיט'ן קינד
- אנטייל נעמען אין סיי וועלכע פאוסטער קעיר, אדאפשען, אדער אן אנדערע דויערהאפטע פלאן פאר'ן קינד
- ירש'נען פונעם קינד

**8. רעכטן בנוגע פארטערשאפט און קינדער געלט, לעגאלע אקטן און פארטרעטערשאפט**

איר האט די רעכט אז מען זאל אייך לאזן וויסן איבער א פאטערשאפט אדער איבער קינדער געלט קעיסעס אין געריכט וואס אנטבאלאנגט אייך אדער אייער קינד, אריינגערעכנט די רעכט אז מען זאל אייך לאזן וויסן די דאטום, צייט און פלאץ ווי די געריכטליכע פראצעדורן וועלן פארקומען. איר האט די רעכט, און איר וועט מעגליך מוזן, זיך באווייזן אין געריכט בשעת עס קומט פאר א דיון איבער פאטערשאפט אדער קינדער געלט וואס אנטבאלאנגט אייך אדער אייער קינד.

אויב א פאטערשאפט אדער קינדער געלט קעיס ווערט געבראכט אין געריכט, וועט אייער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס האבן א לויער אדער אן אנדערע פארטרעטער וועלכע וועט **בלויז** פרובירן צו דערגיין אייער קינד'ס פארטערשאפט. דער דאזיגע לויער אדער פארטרעטער פארטרעט בלויז דער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס און **נישט** אייך פערזענליך. דער לויער אדער פארטרעטער **וועלן נישט** באהאנדלען קיין שום זארגרעכט, וויזיטעישאן, אדער אנדערע לעגאלע ענינים וועלכע האבן נישט קיין שייכות מיט קינדער געלט.

סיי וועלכע אינפארציע איר געבט דעם לויער וועט **מעגליך נישט** פארבלייבן פריוואט. סיי וועלכע אינפארמאציע וואס צייגט אויף שווינדל פון וועלפעיר וועט ווערן פאר'מסר'ט.

אויב איר מיינט אז איר דארפט א לויער אייך צו העלפן, קענט איר מעגליך באקומען א לויער בחינם דורך רופן אייער לאקאלע Legal Aid אדער Legal Services אגענטור. פאר די נעמען פון אנדערע לויערס, רופט אייער לאקאלע באר אסאסיאציע.

אויב איר גלייבט אז דאס זיך צושטעלן צום פאטערשאפט באשטימונג אדער דאס אינפארסירן קינדער געלט וועט ארייגלייגן אייך אדער אייערע קינדער אין א סכנה צוליב געוואלדטאטן אינדערהיים, וועט איר מעגליך זיין בארעכטיגט צו א צייטווייליגע באפרייאונג פון א טייל אדער אלע קינדער געלט אקטיוויטעטן. צו באקומען אזא פטור, מוזט איר אויספילן דעם Domestic Violence Screening Form אדער מודיע זיין אייער ארבעטער אז איר ווילט זיך טרעפן מיט א ליעיזאן פאר געוואלדטאטן אינדערהיים פאר אן אפשאצונג.

**9. רעכטן בנוגע טשיילד קעיר**

איר האט די **רעכט צו באקומען אינפארמאציע** איבער וויאזוי צו טרעפן איינער וואס שטעלט צו טשיילד קעיר. די דאזיגע אינפארמאציע קען ווערן צוגעשטעלט אויף פארשידענע אופנים.

- אייער ארבעטער קען אייך געבן דאס נאמען און טעלעפאן נאמבער פון א טשיילד קעיר Resource and Referral פראגראם אדער אן ענליכע פראגראם וועלכע קען אייך העלפן טרעפן איינער וואס שטעלט צו טשיילד קעיר; **אדער**
- אייער ארבעטער קען אייך געבן א ליסטע מיט דאס נאמען, אדרעסס און טעלעפאן נאמבערס פון טשיילד קעיר פארזארגערס.
- איר האט די **רעכט אויסצוקלויבן** דעם טשיילד קעיר פארזארגער פון אייער קינד. רעגיסטרירט אדער עס קען זיין א קרוב, א משפחה-פריינט, אדער א באגלייבטע שכן. לייסענסד אדער רעגיסטרירט, וועלן זיי מוזן אויספילן א פארעם זיך איינצושרייבן צו קענען צושטעלן טשיילד קעיר צו זען אויב זיי זענען בארעכטיגט צו באקומען באצאלט.

איר האט די רעכט צו קלויבן טשיילד קעיר אנשטאטס צייטווייליגע הילף (TA). איר קענט מחליט זיין אז אנטשאטס צו באקומען TA וועט אייך מער הילפבאר זיין צו באקומען הילף צו באצאלן פאר טשיילד קעיר. פאמיליעס וועלכע מאכן א פארלאנג אדער באקומען TA און דארפן טשיילד קעיר כדי צו קענען ארבעטן, זענען מעגליך בארעכטיגט פאר טשיילד קעיר גאראנטיע פאר פאמיליעס וועלכע ארבעטן. בארעכטיגקייט פאר דער טשיילד קעיר גאראנטיע האט *נישט* א צייט לימיט פון 60 חדשים. איר קענט ממשיך זיין צו באקומען טשיילד קעיר בענעפיטן פאר אזוי לאנג ווי איר זענט בארעכטיגט.

איר זענט בארעכטיגט פאר דער גאראנטיע אויב איר אפעלירט פאר TA און איר קלויבט אויס טשיילד קעיר אנשטאטס TA, אדער אויב איר באקומט TA און איר בעט אז אייער TA קעיס זאל ווערן אפגעשפארט, און;

- אייער פארדינסטן איז אינעם לימיט פאר TA;
- איר ארבעט די שעות וואס עס פארלאנגט זיך דורך TA;
- איר דארפט טשיילד קעיר פאר א קינד אונטער 13 יאר אלט כדי צו קענען גיין ארבעטן;
- איר נוצט א פארזארגער פון טשיילד קעיר וועלכע איז בארעכטיגט; און

אויב איר זענט בארעכטיגט פאר TA און איר זענט מחליט אז באמת ברויכט איר בלויז טשיילד קעיר, דאן קען אייער ארבעטער אייך זאגן וויאזוי צו פארלאנגען דער טשיילד קעיר גאראנטיע. אויב איר באקומט שוין TA און איר זענט חוץ מזה בארעכטיגט פאר דער פראגראם, וועט איר דארפן צומאכן אייער TA קעיס כדי צו קענען באקומען דער טשיילד קעיר גאראנטיע. אויב איר טוישט אייער מיינונג און איר זענט מחליט אז איר דארפט צייטווייליגע הילף, קענט איר עס פארלאנגען ווען אימער.

אויב איר האט אויסגעקליבן צו באקומען טשיילד קעיר הילף אנשטאטס צו באקומען TA און טשיילד קעיר, וועט איר מוזן באצאלן א טייל פון אייער טשיילד קעיר קאסטן. דאס ווערט אנגערופן Family Share אדער Fee. די סכום וואס איר באצאלט איז געוואנדן אייערע פארדינסטן. צו דעם צו, אויב אייער פארזארגער רעכנט טייערע ווי דער מארקעט פרייז, וועט איר מוזן באצאלן די סכום וואס אייער טשיילד קעיר פארזארגער רעכנט איבער די מארקעט פרייז.

איר קענט נאכאלטס זיין בארעכטיגט צו פוד סטעמפס בענעפיטן אפילו אויב איר פארלאנגט צו טוישן אייער אפליקאציע פאר צייטווייליגע הילף צו אן אפליקאציע פאר טשיילד קעיר הילף אדער צו פארמאכן אייער TA קעיס. אויב איר טושיט אייער אפליקאציע אדער איר פארמאכט אייער TA קעיס כדי צו באקומען טשיילד קעיר הילף, וועט איר דאן באקומען א באזונדערע החלטה צו איר זענט בארעכטיגט צו באקומען פוד סטעמפס בענעפיטן.

אויב איר האט אפילירט פאר מעדיקעיד אין די זעלבע צייט וואס איר האט אפילירט פאר צייטווייליגע הילף און פוד סטעמפס, און איר האט אויבגעוועלט צו באקומען בלויז טשיילד קעיר הילף, וועט אייער אפליקאציע אפגעשיקט ווערן צו דער מעדיקעיד פראגראם פאר א באזונדערע החלטה. אויב איר זענט שוין א געניסער פון צייטווייליגע הילף און איר פארלאנגט אז אייער קעיס זאל פארמאכט ווערן, וועט אייער מעדיקעיד ווייטער אנגיין אויסער אויב איר בעט אז איר ווילט עס פארמאכן, אדער אויב אייער מצב האט זיך געטוישט אויף אזוי ווייט אז איר זענט שוין מער נישט בארעכטיגט צו מעדיקעיד. איר זאל איבערשמועסן מיט אייער מעדיקעיד ארבעטער אויב איר בעט אז אייער קעיס זאל פארמאכט ווערן צוליב פארגרעסערטע פארדינסטן. איר קענט נאכאלטס זיין בארעכטיגט צו מעדיקעיד אדער קענט איר זיין בארעכטיגט צו איבערגאנגליכע (Transitional) מעדיקעיד.

איר האט דאס **רעכט צו פארלאנגען א יושר'דיגע איבערזוכט** אויב איר זענט אפגעזאגט געווארן פון באקומען טשיילד קעיר בענעפיטן, אייערע בענעפיטן זענען פארמינערט געווארן אדער אפגעשטעלט געווארן, אדער איר זענט געדרעכנט געווארן פאר אן איבערצאלונג.

__פאר גענויסער פון צייטווייליגע הילף:__

אייער **צייטווייליגע הילף קען נישט ווערן פארמינערט אדער געענדיגט** צוליב וואס איר באטייליגט זיך נישט אין ארבעטס אקטיוויטעטן **אויב** די סיבה פארוואס איר באטייליגט זיך נישט איז צוליב **וואס איר האט נישט קיין געהעריגע, צוטריטליכע, עפפארדעבל און פאסיגע טשיילד קעיר פאר א קינד אונטער 13 יאר אלט.**

אויב איר קענט נישט אליינס טרעפן א טשיילד קעיר פארזארגער,מוז אייער ארבעטער אייך צושטעלן מיט **צוויי ברירות** פון טשיילד קעיר פארזארגערס. כאטש איינס פון די ברירות מוז זיין א לייסענסד אדער ריגיסטרירטע טשיילד קעיר פארזארגער מיט די העלט דעפארטמענט פון ניו יארק סטעיט, אדער מיט די העלט און גייסטישע ריינקייט דעפארטמענט פון ניו יארק סיטי.

איר האט די **רעכט צו ווערן אנטשולדיגט פון ארבעטס אקטיוויטעטן** אויב איר האט א קינד אונטער 13 יאר אלט און איר קענט נישט טרעפן א טשיילד קעיר פארזארגער וועלכע איז **געאייגענט, צוטריטלעך, עפפארדעבל און פאסיג**. אבער די צייט אפשניט ווען איר זענט אנטשולדיגט פון ארבעט אקטיוויטי וועט נאכאלטס ווערן געדרעכנט די 60 חדשים לימיט פאר פעדעראלע באצאלטע און צייטווייליגע קעש הילף.

- **געאייגענט** מיינט אז דער פארזארגער איז אפען דורכאויס די שעות און די טע גוואן איר דארפט עס כדי צו קענען אנטייל נעמען אין די ארבעט אקטיוויטי, און איז וויליג קעיר צו נעמען פון אייער קינד(ער), אריינגערעכנט ספעציעלע געברויכן וואס אייער קינד האט.
- **צוטריטלעך** מיינט אז איר האט צוטריט צום פארזארגער דורך פארן מיט אייער אייגענע קאר אדער דורך פאבליק טראנספארטעישאן, און דער פארזארגער געפינט זיך אין א **פארהעלטנמעסיגע ווייטקייט** פון אייער היים און ארבעט. אייער ארבעטער מוז אייך זאגן וואס ווערט פארעכנט א פארהעלטנמעסיגע ווייטקייט אין אייער קאמיוניטי.
- **פאסיג** מיינט אז דער פיזישע אדער גייסטישע מצב פון דער אינפארמאלע (לעגאל באפרייט) פארזארגער אדער דער פיזישע מצב פון דער לעגאלע באפרייטע היים וועט נישט זיין שעדליך צו דאס געזונט אדער זיכערהייט פון אייערע קינדער.
- **עפפארדעבל** מיינט אז איר האט געגוג געלט צו באצאלן אייער חלק פון די טשיילד קעיר קאסטן, אויב איר זענט מחוייב צו באצאלן א חלק פון די קאסטן.

איר האט די **רעכט צו פארלאנגען א יושר'דיגע איבערזוכט מערער צו זיין אויף די החלטה צו פארמינערן אדער צו ענדיגן אייערע צייטווייליגע הילף** אויב פילט איר אז דער ארבעטער האט געמאכט אן אומריכטיגע באשלוס בנוגע אייער אומווילן זיך צוצישטעלן מיט די ארבעטס אקטיוויטעטן צוליב נישט האבן טשיילד קעיר.

**10. רעכטן בנוגע דורכגאנגס הילף און איבעריגע הילפס געלטער – צייטווייליגע הילף**

ווען איר פארלאנגט צייטווייליגע הילף, וועלכע רעכנט אריין פאמיליע הילף און סעיפטי נעט הילף, און פאר אזוי לאנג ווי איר באקומט די צייטווייליגע הילף, זענט איר ממנה אייער לאק<u>אלע</u> דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס אלע אייערע רעכטן צו ערהאלטן די אינטערלאגע צאלונגען פאר אייערוועגן, און אלע רעכטן צו הילף פאר אייך אדער פאר א מיטגליד פון אייער משפחה פאר וועם איר אפילירט אדער באקומט צייטווייליגע הילף.

**אנהויבנדיג דעם ערשטן אין אקטאובער, 2009** ווען איר געבט אריין א פארלאנג פאר צייטווייליגע הילף, און פאר אזוי לאנג ווי איר באקומט צייטווייליגע הילף, זענט איר ממנה אייער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס אייערע רעכטן צו ערהאלטן די אינטערלאגע צאלונגען פאר אייערוועגן, און סיי וועלכע רעכטן פאר אינטערלאגע אויפ'ן חשבון פון א משפחה מיטגליד פאר וועם איר אפילירט אדער באקומט הילף, אבער עס איז <u>**באגרעניצט**</u> צו די סכום פון אינטערלאגע וואס זאמלט זיך אן אינדערצייט וואס איר אדער דער פאמיליע מיטגליד באקומט צייטווייליגע הילף.

**דורכגענגליכע אינטערלאגע:** א חלק פון סיי וועלכע קינדער געלט איינקאסירונג פאר די יעצטיגע התחייבות וואס דער געריכט האט פאראדרענט, אויב צייטליך באצאלט, וועט געגעבן ווערן צו אייך אין צוגאב צו די חודש'ליכע גרענט פון צייטווייליגע הילף. דער חלק פון די קינדער געלט צאלונגען וועלכע ווערט געגעבן צו אייך ווערט אנגערופן "דורכגענגליכע צאלונג". דער דורכגענגליכע צאלונג איז דער ווייניגערע סכום פון ביז $100 פון די יעצטיגע אינטערלאגע וועלכע ווערט איינקאסירט יעדער חודש אדער דער סכום וועלכע ווערט איינקאסירט אויפ'ן חשבון פון די חודש'ליכע התחייבות וואס דער געריכט האט פאראדרענט. זינט יאנואר 1, 2010, וועט דער $100 דורכגענגליכע צאלונג אנהאלטן ווילאנג עס איז דא איין יחיד אונטער די יאראגאנג פון 21 וועלכע איז אקטיוו אינעם צייטווייליגע הילף קעיס. ווען עס זענען פאראן צוויי אדער מער יחידים אונטער די יאראגאנג פון 21 וועלכע זענען אקטיוו אין דער זעלבער צייטווייליגע הילף קעיס, וועט דער דורכגענגליכע צאלונג זיך העכערן צו דער ווייניגערע סכום פון ביז $200 פון די יעצטיגע אינטערלאגע וואס וועלכע ווערט איינקאסירט יעדע חודש אדער דער סכום וועלכע ווערט איינקאסירט אויפ'ן חשבון פון די חודש'ליכע התחייבות וואס דער געריכט האט פאראדרענט.

דער דורכגענגליכע צאלונג ווערט נישט גערעכנט אקעגן אייער צייטווייליגע הילף גרענט, אבער עס קען פארמינערן אייערע פוד-סטעמפס בענעפיטן.

ווען אייערלאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס באקומט די יעצטיגע אינטערלאגע פאר אייערוועגן, וועט איר געשיקט ווערן א חודש'ליכע רעפארט פון די אינטערלאגע וואס מען האט באקומען. דער חודש'ליכע רעפארט וועט אייך זאגן צו איר וועט יא אדער נישט באקומען א דורכגענגליכע צאלונג, וויפיל, און פארוואס. איר זאלט פארגלייכן דאס רעפארט צו אייערע בענעפיטן רעסיט פאר יענער חודש.

איר וועט ערהאלטן דער דורכגענגליכע צאלונג אין דעם חודש נאכדעם וואס אייער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס ערהאלט די אינטערלאגע צאלונגען פאר אייערוועגן. דער דורכגענגליכע צאלונג ווערט באצאלט איין מאל אינעם חודש.

א אינטערלאגע צאלונג ווערט פארעכנט אלס "יעצטיג" אויב עס ווערט באצאלט אינעם חודש וואס מען דארף עס באצאלן. א אינטערלאגע צאלונג קען ווען באצאלט ווערן צייטליך דורך דער עלטערן וועלכע האט נישט די זארגרעכט אבער עס ווערט ערהאלטן שפעטליך ביי אייער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס. דאס קען געשען אויב אן ארבעטער נעמט אראפ דער אינטערלאגע צאלונג פון דער פעי-טשעק פונעם עלטערן וועלכע האט נישט די זארגרעכט, אבער שיקט עס אריין שפעטליך. יעצטיגע אינטערלאגע קען אויך ערהאלטן ווערן שפעטליך אויב דער עלטערן וועלכע האט נישט די זארגרעכט מאכט די צאלונגען אין אן אנדערע קאונטי אדער סטעיט, און יענע אגענטור שיקט אריין די צאלונגען שפעטליך. אזוי לאנג ווי דער עלטערן וועלכע האט נישט די זארגרעכט צאלט דאס אינטערלאגע אין דער חודש ווען עס דארף באצאלט ווערן, און אייער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס ערהאלט דאס אינטערלאגע, וועט איר באצאלט ווערן א דורכגענגליכע צאלונג פאר יענעם חודש.

**איבערצאלונג פון אינטערלאגע:** די קינדער געלט וועלכע איר האט אונז ממנה געווען צו איינקאסירן וועט באצאלט ווערן צו די סטעיט און צו די לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס אויף צוריקצובאצאלן ביז דער סכום פון וויפיל צייטווייליגע הילף זיי האבן אויסגעלייגט פאר אייך. איר זענט בארעכטיגט צו באקומען סיי וועלכע אינטערלאגע וועלכע איז געווארן איינקאסירט און **איז מער** פון די סך הכל סכום פון צייטווייליגע הילף וועלכע איז אויסגעלייגט געווארן פאר אייך, אין צוגאב צו סיי וועלכע דורכגענגליכע צאלונגען וועלכע איר זענט בארעכטיגט צו באקומען.

**דעסק איבערזוכט:** אויב איר פילט אז איר זענט מעגליך בארעכטיגט צו א דורכגענגליכע צאלונג אדער צו איבערגעצאלטע אינטערלאגע, קענט איר רופן **1-888-208-4485** צו באקומען א פארעם צו פארלאנגען א דעסק איבערזוכט פון אייערע צאלונגען. איר זאלט פארלאנגען א דעסק איבערזוכט אזוי באלד ווי איר גלייבט אז עס איז געמאכט געווארן א טעות, וויבאלד א ערשטע-מדריגה דעסק איבערזוכט דעקט נאר צאלונגען פאר דער קאלענדאר יאר פון אייער פארלאנג און די יאר פריער פון אייער פארלאנג. נאכדעם וואס איר שיקט אריין די אויסגעפילטע פארעם און די דאקומענטן, וועט דער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס איבערזוכן אייער קעיס און ארויסגעבן א געשריבענע ענטפער ביז 45 טעג נאכדעם וואס אייער פארלאנג איז ערהאלטן געווארן, אדער אין געוויסע מצבים, ביז 75 טעג. אלס א חלק פונעם דעסק איבערזוכט, וועט איר קענען איבערגעבן אינפארמאציע פאר די דעסק איבערזוכט שטאב, וועלכע ווענ איבערזוכן די ריכטיגע רעקארדס און סיי וועלכע אינפארמאציע איר שטעלט צו, צו פאסן א רעקאמענדאציע איבער אויב מען קומט אייך עפעס קינדער געלט. איר קענט בעטן פאר הילף צו באקומען די אינפארמאציע וועלכע צייגט אז עס קומט זיך אייך מער געלט.

אויב נאך וואס די ערשטער-מדריגה דעסק איבערזוכט איז פערטיג זענט איר נישט צופרידן מיט די החלטה, קענט איר פארלאנגן א צווייטע-מדריגה דעסק איבערזוכט דורך אויספילן די צווייטע-מדריגה דעסק איבערזוכט פארעם וועלכע איז געווארן בייגעלייגט צום החלטה פונעם ערשטע-מדריגה איבערזוכט. איר מוזט פארלאנגן א צווייטע-מדריגה דעסק איבערזוכט ביז 20 טעג פונעם דאטום פון די החלטה פון דער ערשטער-מדריגה דעסק איבערזוכט. דער צווייטע-מדריגה דעסק איבערזוכט איז א איבערזוכט וועלכע ווערט דורכגעפירט דורך דער OTDA (ניו יארק סטעיט אגענטור פאר צייטווייליגע הילף) איבער די ערשטע-מדריגה החלטה, און איבער סיי וועלכע אנדערע דאקומענטן וועלכע איר שטעלט יעצט צו, וואס פריער האט איר דאס נישט באזיצט. די NYS OTDA וועט דורכפירן דער איבערזוכט און וועט אייך צושטעלן זייער החלטה ביז 30 טעג נאכ'ן דאטום פון אייער פארלאנג. אויב איר האט סיי וועלכע פראגעס איבער דער פראצעדור, אדער איר נוטיגט זיך אין נאך א קאפיע פון דער צווייטע-מדריגה דעסק איבערזוכט פארעם, קענט איר רופן 1-888-208-4485.

## 11. אייער רעכט צו בעטן פאר אפגעהאלטענע צאלונגען פאר צייטווייליגע הילף

אויב איר בעט אדער איר באקומט צייטווייליגע הילף פון די Family Assistance פראגראם, האט איר די רעכט צו פארלאנגן פון אייער ךאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס **"אפצוהאלטן"** דאס גאנצע אדער א טייל פון אייערע צייטווייליגע הילף גרענט אויף צו דירעקט באצאלן אייערע בילס, ווי למשל די הייצונג, רענט אדער יוטיליטיס. צו **"אפהאלטן"** אייערע צייטווייליגע הילף מיינט אז א טייל פון אייערע צייטווייליגע הילף וועט באצאלט ווערן צו אן אנדערן,צ פאר אייערטוועגן.

למשל, אויב איר בעט אייער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס צו אפהאלטן פאר אייער רענט, וועט אייער רענט באצאלט ווערן דירעקט צו אייער לענדלארד יעדן חודש אנשטאטס פון עס אייך געבן אין אייער צייטווייליגע הילף קעש בענעפיט. צו פארלאנגן אז אייער צייטווייליגע הילף זאל ווערן אפגעהאלטן, בעט פאר א "Request for Voluntary Restricted Payments" פארעם, פילט עס אויס און שיקטע ס צוריק צו אייער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס.

איר קענט אפשטעלו די פרייוויליגע אפהאלט דורך שרייבן צו אייער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס. די פרייוויליגע אפהאלט מוז אפגעשטעלט ווערן ביז 30 טעג פון ווען דער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס באקומט אייער געשריבענע בקשה. אבער דער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס קען מחליט זיין אפצוהאלטן דאס גאנצע אדער א טייל פון אייער גרענט צו פארגרינגערן די אדמיניסטראטיווע ארבעט.

אויב איר פארלאנגט אז אייער גרענט זאל ווערן אפגעהאלטן צו באצאלן פאר אייער הייצונג און\אדער פאר די ענערגיע בילס אינדערהיים, וועט דאס געלט וואס מיר שטעלן אייך צו פאר הייצונג און\אדער פאר בודזשעט בילינג פאר די ענערגיע פינדערהיים אפגעהאלטן ווערן פון אייער גרענט. דער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס וועט פארגלייכן אייערע ענערגיע בילס מיט דער סכום וואס מ'האט אפגעהאלטן, כאטשיג איינמאל א יאר. אויב דער סך הכל סכום וואס איר זענט געבילט געווארן איז ווייניגער פון דער אפגעהאלטענע סכום פונעם גרענט, וועט דער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס אייך מעלגיך באצאלן דער חילוק אין קעש. אויב דער סכום וויפיל איר זענט געווארן געבילט איז מער ווי דער אפגעהאלטענע סכום פונעם גרענט, וועט דער חילוק אראפגענומען ווערן פון אייערע קומענדיגע צייטווייליגע הילף גרענטס.

אייער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס קען זיך אפזאגן פון אפהאלטן אייער צאלונג ווען דער סכום פון אייער צייטווייליגע הילף גרענט איז ווייניגער ווי דער סכום וואס איר זענט שולדיג.

איר קענט פרעגן איבער אפהאלטן צאלונגען אפילו אויב אייער צייטווייליגע הילף קומט נישט פון דער Family Assistance פראגראם.

**12. אייערע רעכטן אויב מען איז אייך חושד אין שווינדל**

אויב איר ווערט געוואויר אז איר ווערט אויסגעפארשט צוליב וואס אן ארבעטער האלט איז איר האט נישט געזאגט דאס אמת איבער אייער קעיס, זאלט איר רעדן מיט א לויער. אויב איר ווערט אנגעקלאגט מיט וועלפער שווינדל אין קרימינעל קאורט, וועט דער געריכט, אויב איר זענט בארעכטיגט, אייך צוטיילן א לויער איךך צו פארטרעטן בחינם.

**13. אייער רעכט צו זיך איינשרייבן צו קענען שטימען**

סיי וועלכע מענטש וואס וויל זיך רעגיסטרירן צו שטימען, נישט געקוקט אויב זיי אפעלירן אינאיינוועגס אויך פאר הילף, קען באקומען א Voter Registration פארעם און הילף אויף צו אויספילן דער רעגיסטראציע פארעם צו שטימען, ביי א גאווערנמענט אגענטור וועלכע נעמט אן אפליקאציעס פאר די בענעפיטן וועלכע ווערן אויסגעשמועסט אין דעם ביכל. די אגענטור וועט אויך אננעמען א אויסגעפילטע רעגיזטראציע פארעם צו שטימען און עס ווייטער אפשיקען צו די לאקאלע באורד אוו עלעקשאנס. פאר מער אינפארמאציע קענט איר זיך פארשטענדיגן מיט דער New York State Board of Elections ביי 800-1-FORVOTE (367-8683).

**14. אייערע רעכטן בנוגע רעליגיע באזירטע פארזארגערס**

אויב איינער פון די סערוויסעס אדער בענעפיטן וואס מיר שטעלן צו ווערט פארזארגט דורך א רעליגיעזע ארגעניזאציע, האט איר די רעכט צו באקומען סערוויסעס פון אן ענליכע ווערד פון אן אנדערע פארזארגער.

# אייער אחריות

**1. כלליות'דיגע אחריות**

אויב איר בעט אדער אויב איר באקומט צייטווייליגע הילף, מעדיקעיד, פוד סטעמפס בענעפיטן, סערוויסעס, טשיילד קעיר בענעפיטן אדער אנדערע הילף, מוזט איר:

- ענטפערן אלע פראגעס גענצליך און אמת'דיג. פאלשע ענטפערס קען צוברענגען צו שטראפן, אריינגערעכנט ציווילע אדער קרימינאלע שטראפן;
- דורכגיין אן אינטערוויו. אויב איר פארפאסט אן אינטערוויו און זאגט נישט פאר אייער ארבעטער די סיבה דערצו, קען אייער אפליקאציע ווערן צוריקגעוויזן אדער אייער קעיס קען ווערן פארמאכט. אויב איר האט פארפאסט אן אינטערוויו און איר ווילט עס נאכמאהל באשטעלן, איז עס אייער אחריות דאס מודיע צו זיין פאר אייער ארבעטער.
  - פאר פוד סטעמפס בענעפיטן, מוזט איר מאכן די נייע באשטעלונג פאר אן אינטערוויו בעפאר דער 30'טע טאג נאכדעם וואס איר האט אריינגעגעבן אייער אפליקאציע כדי נישט צו פארלירן די פוד סטעמפס בענעפיטן.
  - פאר טשיילד קעיר בענעפיטן, אויב בעט איר בלויז פאר טשיילד קעיר בענעפיטן, קענט איר עס בעטן דורך די פאסט. באשטימען אייער בארעכטיגקייט לויט וואס איר האט אריינגעשיקט אויף די פאסט, קענט איר געבעטן ווערן אריינצוקומען פאר אן אינטערוויו.
  - פאר מעדיקעיד, ווערט א פערזענליכע אינטערוויו אפגעהאלטן מיט אייך אדער מיט אייער פארטרעטער. דער אינטערוויו קען צושטאנד קומען דורך א איינשרייבער, אויב איר בעט נישט פאר לאנג טערמינען הילף.
- געבט פאר אייער ארבעטער די פאפירן און די אינפארמאציע וואס איז נויטיג כדי מחליט צו זיין אויב איר קענט באקומען הילף. אויבאיר קענט נישט באקומען די פאפירן און אינפארמאציע, מוז אייער ארבעטער פרובירן עס צו באקומען פאר אייך;
- אויב איר זענט פעאיג צו ארבעטן, און איר בעט פאר צייטווייליגע הילף, מוזט איר אננעמען סיי וועלכע דזשאב מען טראגט אייך אן אויב איר זענט פעאיג עס צו טון, אפילו אויב עס צאלט ווייניגער ווי איר וואלט באקומען פון צייטווייליגע הילף. צייטווייליגע הילף וועט אייך באצאלן א ערגענצונג גרענט אויב איר דארפט עס.
- אויב איר נעמט קעיר פון א קרוב אבער איר זענט נישט מחוייב לעגאל עס צו טון, און איר בעט פאר צייטווייליגע הילף פאר יונגע קינדער אבער איר אליינס באקומט נישט קיין צייטווייליגע הילף, מוזט איר צושטעלן געוויסע פערזענליכע אינפארמאציע וואס די פעדעראלע גאווערנמענט פארלאנגט פון אונז צו זאמלען און רעפארטן.
- אויב די יונגע קינדער וועלכע בעטן אדער באקומען צייטווייליגע הילף האבן ברודער אדער שוועסטער וועלכע בעטן נישט אדער באקומען נישט, אבער זיי וואוינען אין די זעלבע הויזגעזינד, מוזט איר צושטעלן געוויסע אינפארמאציע איבער די קינדער וועלכע בעטן נישט אדער באקומען נישט, לויט וואס די פעדעראלע גאווערנמענט פארלאנגט אז מיר זאלן זאמלען און רעפארטן.
- איר מוזט אפעלירן און פרובירן צו באקומען סיי וועלכע בענעפיט וואס וועט רעדוצירן און\אדער עלימינירן אייער נויט פאר צייטווייליגע הילף.

**2. אחריות צוצישטעלן אמת'דיגע און גענויע אינפארמאציע**

ווען איר בעט אדער איר באקומט הילף, אדער ווען איר נעמט קעיר פון א קרוב אבער איר זענט נישט לעגאל מחוייב דערצו וועלכע בעט אדער באקומט צייטווייליגע הילף פאר יונגע קינדער אבער איר בעט נישט אדער איר באקומט נישט פאר זיך אליינס, וועט איר געבעטן ווערן צו צייגן באווייז פאר געוויסע זאכן, ווי למשל די וואס ווערן אויסגערעכנט אי**"אייער אחריות", דריטע טייל, "אחריות צו צייגן באווייז".**

אויב איר בעט אדער איר באקומט צייטווייליגע הילף אדער פוד סטעמפס בענעפיטס, און איר אדער איינער אנדערש אין אייער קעיס איז געטראפן געווארן

שולדיג פאר'ן זאגן ליגענט איבער – אדער האט פארהוילן געלט, נכסים אדער פארמעגנס מיטלן, קענט איר אויך פארלירן די צייטווייליגע הילף אדער די פוד סטעמפס בענעפיטן. דאס ווערט אנגערופן א Intentional Program Violation (IPV).

אויב מען געפינט אויס אז איר זענט באגאנגען אן IPV דורך די געריכט אדער דורך אן אדמיניסטראטיווע איבערזוכט, וועט איר ווערן "דיסקוואליפיצירט". דאס מיינט אז איר קענט נישט באקומען צייטווייליגע הילף אדער פוד סטעמפס בענעפיטן פאר א געוויסע צייט אפשניט. די גינויע צייט אפשניט וועט זיך ווענדן אין אויב איר באקומט צייטווייליגע הילף אדער פוד סטעמפס בענעפיטן און אויב איר זענט שוין פריער געפונען געווארן שולדיג פאר אן IPV און אין די סכום פונעם פארלעצונג.

אויסער וואס איר פארלירט אייער הילף, אויב ווערט איר געפינען שולדיג פאר טון אן IPV, וועט איר מוזן צוריקבאצאלן אייער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס דאס געלט אדער די בענעפיטן וואס איר האט נישט געזאלט באקומען.

איר וועט אדער מוזן צוריקבאצאלן דאס געלט אדער די בענעפיטן, אדער ווען איר הויבט צוריק אן צו באקומען בענעפיטן וועט עס רעדוצירט ווערן ביז ווילאנג דאס וואס איר זענט שולדיג ווערט צוריקגעצאלט. אויב איר וואוינט מיט אנדערע מענטשן און די אנדערע מענטשן זענען ממשיך ווייטער צו באקומען בענעפיטן ווילאנג איר זענט דיסקוואליפיצירט, איז מעגליך אז די אנדרע מענטשן וועלן אויך באקומען ווייניגער.

אויב איר זענט דיסקוואליפיצירט צו באקומען צייטווייליגע הילף, וועט אייער בארעכטיגונג פאר פוד סטעמפס בענעפיטן ווידער ווערן איבערגעקוקט כדי צו באשטימען אויב איר זענט בארעכטיגט ווייטער צו באקומען פוד סטעמפס בענעפיטן. אייער מעדיקעיד בארעכטיגונג קען איבערגעקוקט ווערן צו באשטימען אויב איר זענט נאך בעארעכטיגט ווייטער צו באקומען מעדיקעיד.

אויב איר ווערט אנגעקלאגט אין א פעדעראלע אדער סטעיט געריכט פאר'ן מאכן א שווינדלערישע סטעיטמענט אדער פאר'ן פאלש איינגעבן ווי איר וואוינט כדי צו באקומען צייטווייליגע הילף אדער פוד סטעמפס בענעפיטן פון צוויי אדער מער סטעיטס אין די זעלבע צייט, וועט איר ווערן אומבארעכטיגט פאר צען יאר.

אויב איר האט נישט אריינגעגעבן אמת'דיגע און אקוראטע אינפארמאציע ווען איר האט אפעלירט צו באקומען טשיילד קעיר בענעפיטן, וועט איר מוזן צוריקבאצאלן סיי וועלכע בענעפיטן וואס איר זענט נישט געווען בארעכטיגט דערצו. אויב איר ווערט געטראפן שולדיג אין שווינדל, איז מעגליך אז עס וועלן זיין נאך שטראפן.

אויב איר באקומט טשיילד קעיר הילף אדער איר האט באקומען טשיילד קעיר הילף און אייער קעיס איז פארמאכט, און איר זענט געטראפן געווארן שולדיג, אדער איר האט זיך פרייוויליג מודה געווען, צו שווינדלערישערהייט ארויסבאקומען טשיילד קעיר הילף, וועט אייער טשיילד קעיר סערוויסעס צייטנווייז אדער גענצליך אפגעשטעלט ווערן און איר וועט נישט זיין בארעכטיגט פאר שפעטערדיגע טשיילד קעיר סערוויסעס פאר א געוויסע צייט אפשניט, לויט ווי לאנג עס איז באשטימט דורך די פראגראם פארלעצונג במזיד אויסערעכנט ווייטער.

**IPV (באגיין א פראגראם עבירה במזיד) שטראפן פאר מעדיקעיד:**

<u>אויב איר זענט באגאנגען אן IPV בנוגע צייטווייליגע הילף</u> וועט איר מער נישט קענען באקומען צייטווייליגע הילף, ווי פאלגענד:

- דיסקוואליפיצירט פאר 6 חדשים אויב דאס איז
- אייער ערשטער IPV, <u>און</u>
  - דער IPV איז **ווייניגער פון** טויזנט דאללער
- דיסקוואליפיצירט פאר 12 חדשים אויב דאס איז
  - **אייער צווייטע** IPV, <u>אדער</u>
  - דער IPV איז **צווישען** $1,000 **און** $3,900
- דיסקוואליפיצירט פאר 18 חדשים אויב דאס איז
  - **אייער דריטע** IPV, <u>אדער</u>
  - דער IPV **איז העכער פון** $3,900
- דיסקוואליפיצירט פאר 5 יאר אויב דאס איז אייער פערטע עבירה אדער מער.

סיי ווער עס מאכט א פאלשע סטעיטמענט איבער ווער ער אדער זי איז, אדער איבער ווי ער אדער זי וואוינט, כדי צו באקומען צייטווייליגע הילף בענעפיטן מערערע מאל, וועט נישט קענען באקומען צייטווייליגע הילף פאר צען יאר.

סיי ווער אנטרינט כדי צו פארמיידן צו ווערן אנגעקלאגט אדער ווערן אריינגענומען אין תפיסה פאר א פעלאני, אדער איינער וואס איז עובר אויף די תנאים פון זיין פראבעישאן אדער פאראל, איז נישט בארעכטיגט צו באקומען צייטווייליגע הילף.

**IPV (באגיין א פראגראם עבירה במזיד) שטראפן פאר מעדיקעיד:**

מעדיקעיד האט נישט איר אייגענע IPV. יחידים אדער פארהייראטע קאפלס אן קינדער וועלכע זענען געווארן דיסקוואליפיצירט פון צייטווייליגע הילף צוליב אן IPV זענען אויך אומבארעכטיגט פאר מעדיקעיד. אלע אנדערע אפליקאנטן\באניצער וועלכע זענען דיסקוואליפיצירט צוליב א צייטווייליגע הילף IPV וועלן באקומען א באזונדערע באשטימונג איבער זייער בארעכטיגקייט פאר מעדיקעיד.

**פראגראם עבירה במזיד (IPV) שטראפן פאר'ן פוד סטעמפס פראגראם:**

<u>אויב איר זענט באגאנגען א פוד סטעמפס בענעפיט פראגראם IPV,</u> וועט איר נישט קענען באקומען קיין פוד סטעמפס ווי פאלגענד:

- דיסקוואליפיקאציע פאר איין יאר אויב דאס איז
  - דאס ערשטע IPV

- דיסקוואליפיקאציע פאר צוויי יאר אויב דאס איז
  - דאס צווייטע IPV
- דיסקוואליפיקאציע פאר אייביג אויב דאס איז
  - דאס דריטע IPV.
- א געריכט קען אויך, אין געוויסע פעלער, שטערן א יחיד פון באקומען פוד סטעמפס בענעפיטן פאר נאך 18 חדשים.

סיי ווער עס ווערט געפונען שולדיג דורכ'ן געריכט פאר'ן פארקויפן אדער זיך איינהאנדלן **הייס געווער, אמוניציע אדער עקספלאסיווס** אין אויסטויש פאר פוד סטעמפס בענעפיטן ווערט <u>קיינמאל</u> מער קענען באקומען פוד סטעמפס בענעפיטן.

איינער וואס ווערט געטראפן שולדיג דורכ'ן געריכט פאר'ן קויפן אדער פארקויפן **קאנטראלירטע שטאף** (אומלעגאלע דראגס אדער געוויסע דראגס פאר וועלכעס מען ברויך א פרעסקריפשן פון א דאקטאר) אין אויסטויש פאר פוד סטעמפס בענעפיטן, וועט נישט קענען באקומען פוד סטעמפס בענעפיטן פאר 2 יאר פאר א ערשטע עבירה און <u>פאר אייביג</u> פאר'ן צווייטע עבירה.

סיי ווער עס ווערט געפונען שולדיג דורכ'ן געריכט פאר'ן האנדלען מיט פוד סטעמפס בענעפיטן אין די ווערד פון $500 אדער מער ווערט <u>מער קיינמאל</u> נישט קענען באקומען פוד סטעמפס בענעפיטן. האנדלען איז כולל אומלעגאלע באנוץ, איבערגעבן, איינהאנדלען, טוישן אדער באזיצן פוד סטעמפס בענעפיטן, אטארעזעישאן קארטלעך, אדער צוטריט מאשינקעס.

סיי ווער עס מאכט א פאלשע סטעיטמענט איבער ווער ער אדער זי איז אדער ווי ער אדער זי וואוינט כדי צו באקומען מערערע פוד סטעמפס בענעפיטן, וועט נישט קענטען באקומען פוד סטעמפס פאר צען יאר.

סיי ווער עס אנטרינט כדי אויסצומיידן צו ווערן אנגעקלאגט, גיין אין תפיסה אדער ווערן פארהאלטן פאר א פעלאני, אדער ווער עס איז עובר אויף די תנאים פון פראבעישאן אדער פאראל, איז נישט בארעכטיגט צו באקומען פוד סטעמפס בענעפיטן.

### 3. אחריות צו צייגן באווייז

ווען איר בעט אדער איר באקומט הילף, וועט איר געבעטן ווערן צו צייגן באווייז פאר געוויסע זאכן, ווי לשמל דאס וואס עס ווערט ווייטער אויסגערעכנט. אייער ארבעטער וועט אייך זאגן וועלכע פון דעם איר **מוזט** אויפווייזן. נישט א יעדע איינציגע פון דעם מוז מען האבן פאר יעדע פראגראם. איר וועט מעגליך מוזן אויפווייזן געוויסע זאכן פאר איין פראגראם אבער נישט פאר אן אנדערע פראגראם. אויב איר ברענגט מיט באווייז בשעת ווען איר קומט צום ערשט אריין צו בעטן פאר הילף, וועט איר מעגליך באקומען די הילף שנעלער.

אויב איר לאזט איבער די דאקומענטן ביי אייער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס, זאלט איר בעטן פאר א רעסיט אלס באווייז אויף וואס איר האט דארט איבערגעלאזט. דער רעסיט זאל האבן אייער נאמען, די ספעציפישע דאקומענטן וועלכע איר האט דארט איבערגעלאזט, די צייט, דאטום, דיסטקריט נאמען, און דער נאמען פון דער סאשעל סערוויסעס ארבעטער וועלכע האט אייך געגעבן דער רעסיט.

אויב איר קענט נישט באקומען די באווייזן וואס איר ברויכט, דאן בעט אייער ארבעטער אייך צו העלפן. אויב דער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס האט שוין באווייז פאר זאכן וועלכע טוישן זיך נישט, ווי למשל אייער סאשעל סעקיוריטי נאמבער, דארפט איר עס נישט נאכאמאל אויפווייזן.

| |
|---|
| הערה: אויסגערעכנט איז א ליסטע פון געוועגדליכע דאקומענטן וועלכע מען נוצט; די ליסטע איז נישט גענצליך. עס זענען פאראן אנדערע דאקומענטן וועלכע קענען גענוצט ווערן. |

- **ווער איר זענט** — אידענטיפקאציע מיט א בילד, דרייווער'ס לייסענס, א פאספארט פון די פאראייניגטע שטאטן.
- **די יארגאנג פון דער וואס אפעלירט הויזגעזינד מיטגליד** — געבורטסשיין אדער א סערטיפיקאט פון קירכע, שפיטאל רעקארדס, דרייווער'ס לייסענס.
- **ווי איר וואוינט** — יעצטיגע רעסיט פון רענט, מארטגעדזש רעקארד, באשטעטיגונג פון א לענדלארד וועלכע איז נישט א קרוב משפחה.
- **שיצארט אויסגאבן** — יעצטיגע רעסיט פון רענט, דאס לעצטע ליעס, מארטגעדזש רעקארד, שטייער רעקארדס פאר פראפערטי און שולע, וואסער און וואסער אפלויף חשבונות, הייצונג בילס, יוטיליטי בילס, טעלעפאן בילס.
- **סאשעל סעקיורטי נאמבערס** — סאשעל סעקיוריטי קארטל אדער א באווייז אז איר האט אפעלירט פאר סאשעל סעקיוריטי נאמבערס פאר איעדער פון אייער הויזגעזינד וועלכע בעט פאר הילף.

**באמערקט:** ***<u>פאר צייטווייליגע הילף, פוד סטעמפס בענעפיטן און מעדיקעיד פראגראם,</u>*** אויב מיר בעטן פון אייך אייער סאשעל סעקיוריטי נאמבער, מוזט איר אונז צושטעלן דעם נאמבער, אויב איר האט איינס. אויב מיר קענען נישט באשטעטיגן אייער נאמבער מיט'ן סאשעל סעקיוריטי אדמיניסטראציע, וועט איר מוזן צושטעלן באווייז פאר אייער סאשעל סעקיוריטי נאמבער. אויב איר האט נישט א סאשעל סעקיוריטי נאמבער, מוזט איר בעטן פאר איינס כדי צו באקומען בענעפיטן.

***<u>פאר א סערוויס פראגראם,</u>***טייל סערוויסעס, ווי למשל foster care, child protective, child preventive, און ייעוץ, ווערן באצאלט דורך מערערע מקורות, מערערע פון זיי פארלאנגן אז מען זאל צושטעלן א סאשעל סעקיוריטי נאמבער. כאטש וואס אפחיקאנטן פון טייל סערוויסעס מוזן נישט צושטעלן א סאשעל סעקיוריטי נאמבער, איז מעגליך אז די סערוויסעס וועלן נישט ווערן צוגעשטעלט פאר אייך אויב איר קענט זיי נישט געבן א סאשעל סעקיוריטי נאמבער. דעריבער בעטן מיר פאר א סאשעל סעקיוריטי נאמבער פון אלע אפליקאנטן פאר די סערוויסעס, כדי זיי צו העלפן באקומען אלע בענעפיטס צו וועלכע זיי קענען זיין בארעכטיגט.

- **בירגערשאפט און אימיגראציע סטאטוס** — געבורטסשיין, פאספארט פון די פאראייניגטע שטאטן, רעקארדס פון מיליטער דינסט, סערטיפיקאט פון ווערן א בירגער, און United States Citizenship and Immigration Services דאקומענטן.

**באמערקט:** ***<u>פאר די פוד סטעמפס בענעפיטן פראגראם,</u>***מוז די בירגערשאפט דאקומענטירט ווערן נאר אויב עס איז מוטל בספק.

דער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס מוז רעפארטן דער נאמען און אדרעסס און אנדערע אידענטיפיצירנדע אינפארמאציע וואס איז באוואוסט איבער אן אויסלענדישע וועלכע איז באשטימט געווארן דורך די אימיגראציע און נאטוראליזאציע סערוויס אדער דער עקזעקיוטיוו אפיס פאר אימיגראציע איבערזוכט, ווי צום ביישפיל אין א ענדגילטיגע באפעל פון דעפארטאציע, צו זיין אומלעגאל אין די פאראייניגטע שטאטן. די אינפארמאציע קען מיטגעטיילט ווערן מיט דער היימלאנד סעקיוריטי דעפארטמענט. דאס איז נישט נודע פאר מעדיקעיד.

***<u>פאר א סערוויס פראגראם,</u>*** טייל סערוויסעס וועלן געגעבן ווערן בלויז פאר אזוינע מענטשן וועלכע פארמאגן א גוטע אימיגראציע סטאטוס. דעריבער בעטן מיר פאר דאס אימיגראציע סטאטוס פון אלע אפליקאנטן, כדי צו באשטימען די סערוויסעס צו וועלכע די אפליקאנטן קענען קוואליפיצירן.

***<u>פאר טשיילד קעיר בענעפיטן,</u>***איר מוזט אויפווייזן אז דאס קינד וועלכע באקומט די טשיילד קעיר בענעפיטן וואוינט לעגאל אין די פאראייניגטע שטאטן.

**באמערקט:** ***<u>פאר די מעדיקעיד פראגראם,</u>*** דאס אידענטיפיצירונג *און* בירגערשאפט אדער א גונסטיגע אימיגראציע סטאטוס מוז ווערןדאקומענטירט. לגבי ווערן אנגערופן א בירגער פון די פארייניגטע שטאטן, ווערן נכלל אין די פאראייניגטע שטאטן די 50 סטעיטס, דער דיסטקריקט אוו קאלאמביע, פאורטא ריקא, גואם, יו. ווירדזשין אינזלען, און די צפון מאריאנא אינזלען. די וואס קומען פון אמעריקא סאמאיע אדער סוועינ'ס אינזל ווערן אויך פארעכנט אלס בירגער פון די פאראייניגטע שטאטן לגבי מעדיקעיד.

***<u>דאקומענטן וועלכע באשטעטיגן סיי בירגערשאפט און סיי אידענטיפיקאציע</u>***

- פאספארט פון די פאריייניגטע שטאטן;
- נאטורעליזאציע סערטיפיקאט (N-550 אדער N-570);
- בירגערשאפט סערטיפיקאט פון די פאריייניגטע שטאטן (N-560 אדער N-561).

***<u>דאקומענטן וועלכע באשטעטיגן בירגעשאפט אבער ברויכן אין צוגאב אויך אידענטיפיקאציע פון איינס פון אידענטיפיקאציע דאקומענטן אויפ'ן ליסטע</u>***

- געבורטסשיין פון די פאראייניגטע שטאטן וועלכע צייגט אז איר זענט געבוירן אין: איינס פון די 50 סטעיטס, דער דיסטריקט אוו קאלאמביע, אמעריקען סאמאע, סוועינ'ס אינזל, פאורטא ריקא (אויב איר זענט געבוירן נאך 1/13/1941), ווירדזשין אינזלען פון די פאריייניגטע שטאטן (אויף אדער נאך 1/17/1917), צפון מאריאנא אינזלען (נאך 11/4/1986 ךאקאלע צייט (NMI, אדער גואם (אויף אדער נאך 4/10/1899);
- סערטיפיקאציע פון א געבורטס רעפארט ((DS-1350;
- רעפארט פון געבורט אין אויסלאנד פאר א בירגער פון די פאראייניגטע שטאטן ((FS-240;
- געבורטססשיין ארויסגעגעבן דורך די סטעיט דעפארטמענט פון די פאראייניגטע שטאטן (Forms FS-545 אדער DS-1350);
- אידענטיפיקאציע קארטל פאר בירגערשאפט פון די פאראייניגטע שטאטן (I-197 אדער I-179);
- אינדיען אמעריקען קארט ((I-872;
- צפון מאריאנא קארט ((I-873;
- באווייז פון סיוויל סערוויס ארבעט דורך די גאווערנמענט פון די פאראייניגטע שטאטן (פריער פון 6/1/1976);

- אפיציעלע רעקארד פון מיליטערישע דינסט;
- ענדגילטיגע אדאפשען דעקלעראציע;
- פאדעראלע אדער סטעיט רעקארד פון צענזוס; אדער
- די פאלגענדע דאקומענטן וועט מען אננעמען אויב זיי צייכענען אן א פלאץ פון געבורט אין די פאראייניגטע שטאטן, און עס איז געמאכט געווארן לכל הפחות 5 יאר איידער דער דאטום פונעם אפליקאציע:
- אויסצוג פון א שפיטאל רעקארד אויף די שפיטאל דרוקסארט;
- רעקארד פון לייף אדער העלט אינשורענס;
- אפיציעלע פאפירן וועלכע צייגן אז מען איז אריינגענומען געווארן אין א אינסטיטוציע ווי א נורסינג האום, סקילד קעיר פאסיליטי, אדער אן אנדערע אינסטיטוציע; אדער
- מעדיקל רעדקארד (פון א קליניק, דאקטאר אדער שפיטאל);
- אנדערע דאקומענטן: איינס פון די פאלגענדע, און מוז ווייזן א פלאץ פון געבורט אין די פאראייניגטע שטאטן:
  - צענזוס רעקארד פון די סענעקא אינדיאנער;
  - צענזוס רעקארד פון די Bureau of Indian Affairs פון די נאוועיא אינדיאנער;
  - State Vital Statistics;אפיציעלע נאטיץ פון געבורט דורך די U.S.
  - פאבליק געבורטס רעקארד וועלכע איז פאראכטן געווארן מער פון 5 יאר נאכדעם וואס דער מענטש איז געבוירן; אדער א סטעיטמענט אונטערגעשריבן דורך דער דאקטער אדער הייבאם ווער איז געווען אנוועזנד ביים געבורט.
  - א געשריבענע עפידעיוויט (צו נוצען בלויז אין א זעלטנהייט).

***דאקומענטן וועלכע באשטעטיגן אידענטיפיקאציע***

- סערטיפיקאט וועלכע באשטעטיגט די מאס אינדיאנער בלוט, אדער אן אנדערע דאקומענט פון די אמעריקאנער -אינדיאנער שבטים פון אלאסקא.
- סיי וועלכע דאקומענט וועלכע ווערט אויסגעשמועסט אין קאפיטל 274A(b)(1)(D) פון דע אימיגראציע און נאציאנאלע אקט ((INA, ווי למשל:
  - א אקטיווע דרייווער'ס לייסענס ארויסגעגעבן דורך א סטעיט אדער א טעריטארי, אדער זאל עס האבן א בילד פון דעם מענטש אדער זאל עס האבן אנדערע אידענטיפיצירנדע אינפארמאציע פון דער מענטש, ווי למשל דער נאמען, יארגאנג, ראסע, הויכקייט, וואג, אדער אויגן קאליר;
  - שולע אידענטיפיקאציע קארטל מיט א בילד פונעם מענטש;
  - קארטל פונעם אמעריקאנע מיליטער אדער א רעקארד פונעם דרעפט;
  - אידענטיפיקאציע קארטל ארויסגעגעבן דורך דער פעדעראלע, סטעיט, אדער לאקאלע גאווערנמענט מיט דער זעלבע אינפארמאציע ווי דאס וואס איז אויפ'ן דרייווער'ס לייסענס;
  - אידענטיפיקאציע 'ארטל אלס א דיפענדענט פון א מיליטערמאן;
  - א דאקומענט פון די אינדיאנע-אמעריקאנער שבטים; אדער
  - Coast Guard Merchant Mariner קארטל.

**באמערקט:** פאר קינדער אונטער 16 יאר, קען מען אריינרעכענען אין שולע רעקארדס אויך די רעקארדס פון קינדערגארטן, נורסערי, און דעי קעיר. אויב איר האט נישט קיין איינס פון די דאקומענטן אויף די פריערדיגע ליסטעס, קענט איר זיך באנוצען מיט אן עפידעוויט. אן עפידעוויט קען מען נאר אננעמען אויב עס איז אונטערגעשריבן אונטער די שטראף פון שווערן פאלשעהייט, דוך איינע פון די עלטערן אדער דער גארדיען, דערקלערנדיג דאס דאטום און פלאץ פון געבורט פונעם קינד, און עס קען נישט גענוצט ווערן אויב אן עפידעיוויט פאר בירגערשאפט איז צוגעשטעלט געווארן.

***באווייז וועלכע באשטעטיגט אמעריקאנער בירגערשאפט פאר כלליות'דיגע נאטורעליזירטע יחידים***

***פארטא ריקא***

- באווייז פון געבורט אין פאורטא ריקא אויף אדער נאך 4/11/1899 און דער אפליקאנטס באשטעטיגונג אז ער אדער זי האט געוואוינט אין דער אמעריקאנע אייגנטום אדער אין פאורטא ריקא אויף 1/13/1941; אדער
- באווייז אז דער אפליקאנט אדער געניסער איז געווען א בירגער פון פאורטא ריקא און א סטעיטמענט פון דער אפליקאנט אדער געניסער אז ער אדער זי האט געוואוינט אין פאורטא ריקא אויף 3/1/1917 און אז ער אדער זי האט נישט געשוואוירן טריישאפט צו שפאניע.

***יו. עס. ווירדזשין אינזלען***

- באוױיז פון געבורט אין די יו. עס. װירדזשין אינזלען, און א סטעיטמענט פון דער אפליקאנט אדער געניסער בנוגע װאױנונג אין די פאראייניגטע שטאטן, אן אייגנטום, אדער די יו. עס. װירדזשין אינזלען אויף 2/25/1927;
- א סטעיטמענט פון דער אפליקאנט אדער געניסער אנגעבנדיג איינוואוינערשאפט אין די יו. עס. װירדזשין אינזלען אלס א דענישע בירגער אויף 1/17/1917, בירגערשאפט און איינוואוינערשאפט אין די פאראייניגטע שטאטן, אן אמעריקאנע אייגנטום אדער די יו. עס. װירדזשין אינזלען אויף 2/25/1927, און אז ער אדער זי האט נישט געמאכט א דעקלעראציע אנצוהאלטן דענישע בירגערשאפט; אדער
- װירדזשין אינזלען און א סטעיטמענט פון דער אפליקאנט אדער געניסער אנגעבנדיג איינוואוינערשאפט אין די פאראייניגטע שטאטן, אן אמעריקאנער אייגנטום אדער טעריטאריע אדער דער קאנאל זאנע (פאנאמא) אויף 6/28/1932.

***צפון מאריאנא אינזלען (NMI) (געוועזענע חלק פון די TTPI (טראסט טעריטאריע פון די פאסיפישע אינזלען))***

- באוױיז פון געבורט אין די NMI, TTPI בירגערשאפט און איינוואוינערשאפט אין די NMI, די פאראייניגטע שטאטן, אדער אן אמעריקאנער אייגנטום אויף 11/3/1986 (NMI לאקאלע צייט) און א סטעיטמענט פון דער אפליקאנט אדער געניסער אז ער אדער זי איז נישט שולדיג געווען קיין טריישאפט צו אן פרעמדע לאנד אויף 11/4/1986 (NMI לאקאלע צייט);
- באוױיז פון TTPI בירגערשאפט, אנגייענדע איינוואוינערשאפט אין די NMI זינט בעפאר 11/3/1981 (NMI לאקאלע צייט), רעגיסטרירט צו שטימען איידער 1/1/1975 און א סטעיטמענט פון דער אפליקאנט אדער געניסער אז ער אדער זי איז נישט שולדיג געווען קיין טריישאפט צו א פרעמדע לאנד אויף 11/4/1986 (NMI לאקאלע צייט); אדער
- באוױיז פון אנגייענדע באזיץ אין די NMI זינט בעפאר 1/1/1974 און א סטעיטמענט פון דער אפליקאנט אדער געניסער אז ער אדער זי איז נישט שולדיג געווען קיין טריישאפט צו א פרעמדע לאנד אויף 11/4/1986 (NMI לאקאלע צייט).

**באמערקט:** אויב א מענטש איז אריין אין די NMI אלס א נישט-אימיגראנט און האט געוואוינט אין די NMI זינט 1/1/1974, ווערט עס נישט פארעכנט ווי אן אנגייענדע באזיצערשאפט, און דער מענטש איז נישט אן אמעריקאנער בירגער.

***<u>אימיגראציע סטאטוס</u>***

- פאלגענד זענען די אמערסטנס געניצטע פארעמס פאר אימיגראציע און בירגערשאפט פון די פאראייניגטע שטאטן (USCIS)
  - I-551 פרעמדע איינוואוינער קארטל;
  - I-94 רעקארד פון אנקומען-פארלאזן;
  - I-688B אדער I-766 ערלויבערניש צו ארבעטן קארטל;
- בירגערשאפט און אימיגראציע סערוויסעס (USCIS) פארעם I-797 - נאטיץ איבער עקשאן; אדער
- באוױיז פון אנגייענדע איינוואוינערשאפט אין די פאראייניגטע שטאטן בעפאר 1972.

**הערה:** אויב איר אפעלירט בלויז פאר מעדיקעיד, דארפט איר אונז נישט זאגן איבער אייער בירגערשאפט און אימיגראציע סטאטוס אויב איר זענט:

- מעוברת; אדער
- אן אומדאקומענטירטע אימיגראנט וועלכע אפעלירט פאר מעדיקעיד צוליב אן עמערדזשענסי מצב. (זע דאס מעדיקעיד חלק פונעם צווייטן ביכל, LDSS-4148B פאר מער אינפארמאציע איבער בירגערשאפט און אימיגראציע סטאטוס).

- **אויב איר זענט אנגעוויזן אויף דראגס\אלקאהאל** אלקאהאל\דראגס אפשאצונג, וועלכע קען אריינרעכענען א דראג טעסט. דאס איז נישט שייך ביי פילע מעדיקעיד אפליקאנטן, ווי אויך איז עס נישט שייך צו Family Health Plus, מעדיקעיד Buy-In פראגראם פאר מענטשן מיט דיסאביליטיס וואס ארבעטן, מעדיקעיר סעיווינגס פראגראם, אדער די Family Planning בענעפיט פראגראם.

- **פארדינטע איינקונפט** לעצטיגע pay stubs, סטעיטמענט פון אן ארבעטסגעבער, שטייער רעקארדס, ביזנעס רעקארדס, סטעיטמענט פון א טענענט וויפיל איז באצאלט געווארן פאר'ן איינשטיין.

- **נישט פארדינטע הכנסה**

| *ביישפילן פון אומפארדינטע איינקונפט זענען:* | *ביישפילן פון באווייזן פאר אומפארדינטע איינקונפט זענען:* |
|---|---|
| – **קינדער געלט און אויסהאלטונג** | סטעיטמענט פון דער יעניגע וואס באצאלט די געלט אדער אויסהאלטונג |
| – **סאשעל סעקיוריטי בענעפיטן** | לעצטיגע בענעפיט טשעק אדער לעצטיגע בריוו וויפיל עס קומט אייך |
| – **בענעפיטן פאר וועטעראנען** | לעצטיגע בענעפיט טשעק, לעצטיגע בריוו וויפיל עס קומט אייך, אפיציעלע קארעספאנדענס מיט די וועטעראנען אדמינעסטראציע. |
| – **בענעפיטן פון אנעמפלוימענט אינשורענס** | אפיציעלע קארעספאנדענס מיט די לעיבאר דעפארטמענט פון ניו יארק סטעיט |
| – ריבית און רווחים | סטעיטמענט פון דער באנק, קרעדיט יונאן אדער בראוקער |
| – **עדיוקעישן סטיפענדיע און הלוואות** | סטעיטמענט פונעם מוסד אדער א לעצטיגע בריוו פונעם באנק וויפיל עס קומט אייך |
| – **ארבעטער'ס אנטשעדיגונג** | לעצטיגע בריוו וויפיל עס קומט אייך אדער טשעק stubs |

- **רעסורסן**

| *ביישפילן פון פארמעגנס מיטלן זענען:* | *ביישפילן פון באווייזן איבער פארמעגנס מיטלן זענען:* |
|---|---|
| – **באנק אקאונטס** | באנק ביכל אדער קרעדיט יוניאן רעקארדס |
| – **טשעקינג אקאונט** | באנק סטעיטמענטס |
| – **באגרעבעניש אדער טראסט קאסע** | באנק סטעיטמענט אדער א קאפיע פון די הסכם קבורה |
| – **קבורה חלקה אדער הסכם קבורה** | סטעיטמענט פון די בית הקברות, דירעקטאר פון די חברה קדישא אדער קירכע, קאפיע פון די הסכם קבורה |
| – **לייף אינשורענס** | אינשורענס פאליסיע |
| – **ריעל עסטעיט, חוץ פון א ווי איר וואוינט** | דיד, אפשאצונג פון די לעצטיגע שוויות דורך א ריעל עסטעיט בראוקער |
| – **מאטאר וויהיקל** | רעגיסטראציע, טייטל, פינאנס אינפארמאציע |
| – **סטאקס און באנדס** | סטאק סערטיפיקעטס, באנדס |

| | |
|---|---|
| • **שולע אנוועזנהייט פון יענע אנוועזנהייט אין שולע** | סקול רעקארדס, סטעיטמענט פון שולע |
| • **העלט אינשורענס מעדיקעיר קארטל** | אינשורענס פאליסיע, אינשורענס קארטל, סטעיטמענט פון דער פארזארגער פון דעקונג, |
| • אומבאצאלטע רענט אדער יוטיליטיס | קאפיע פון יעדעס ביל, סטעיטמענט פונעם לענדלארד אדער יוטיליטי קאמפאני |
| • **באצאלטע אדער אומבאצאלטע מעדיצינישע בילס** | א קאפיע פון יעדעס ביל אדער באווייז פון באצאלונג אויב עס איז א באצאלטע ביל |
| • **עלטערן וועלכע האט נישט זארגרעכט (Custody)** | טויטשיין, בענעפיטן פונעם איבערלעבער, ציווילע גט פאפירן, הילף פאר וועטעראנען אדער מיליטערישע רעקארדס |
| • **אינוואליד\קראנק** | סטעיטמענט פון א מעדיקל פראפעסיאנעל, באווייז פון סאשעל סעקיוריטי מעובערתדיסאביליטי אדער ערגענצונג סעקיוריטי אינקאם (SSI) בענעפיטן |
| • **אנדערע הוצאות\דיפענדענט קעיר אויסגאבן** | דורכגעגאנגענע טשעקס אדער רעסיטס, סטעיטמענט פון טשיילד קעיר פארזארגער, געריכט באפעל, סטעיטמענט פון א באהעלפער אדער אטענדענט |
| • **זוכן ארבעט** | פארענדיגן דער דזשאב אפליקעישאן אדער די דזשאב זוך האנטבוך |

אויב איר אפעלירט פאר **סערוויסעס (אויסער פאוסטער קעיר)** **אליינס**, דארפט איר **נישט** צייגן באווייזן פאר די פאלגענדע זאכן:

- **שיצארט אויסגאבן**
- **רעסורסן**
- **אומבאצאלטע רענט אדער יוטיליטיס**
- **העלט אינשורענס**
- **באצאלטע אדער אומבאצאלטע מעדיצינישע בילס**
- **אדערע\דעפענדענט קעיר אויסגאבן**

אויב איר אפעלירט פאר **מעדיקעיד** אליינס און איר זוכט דעקונג פאר אלנג טערמינע סערוויסעס, וועט איר מוזן צייגן באווייזן פון אייערע פארמעגנס מיטלן. פרויען וועלכע זענען מעוברת אדער מענטשן וועלכע אפעלירן פאר דער פאמיליע פלאנירונג בענעפיט פראגראם דארפן אונז נישט דערציילן איבער זייערע פארמעגנס מיטלן. געוועגדליך, קינדער אונטער די יארגאנג פון 19 דארפן אונז נישט דערציילן איבער זייערע פארמעגנס מיטלן.

אויב איר זוכט נישט דעקונג פאר לאנג טערמינע סערוויסעס, וועט איר אונז דארפן זאגן איבער אייערע פארמעגנס מיטלן, אבער איר מעגט באשטעטיגן די סכום פון אייערע פארמעגנס מיטלן ענדערש ווי צייגן באווייזן. ווען איר אפעלירט אדער איר באנייט אייער מעדיקעיד בארעכטיגונג וועט איר געזאגט ווערן אויב איר מוזט צייגן באווייז פון אייערע פארמעגנס מיטלן.

**4. אחריות צו זיך איינשרייבן אינעם אטאמאטישע פינגער-אפדריק סיסטעם (AFIS)**

אויב איר בעט אדער באקומט רעגלמעסיגע אדער עמערדזשענסי צייטווייליגע הילף אדער פוד סטעמפס בענעפיטן, מוזט איר זיך איינשרייבן אינעם אטאמאטישע פינגער-אפדריק סיסטעם (AFIS) אויב איר זענט אן ערוואקסענע (18 יאר אדער עלטער) אדער אויב איר זענט דער ראש המשפחה. פאר די מעדיקעיד פראגראם, בלויז אזעלכע אפליקאנטן אדער געניסער וועמענס מעדיקעיד אידענטיפיקאציע קארטל מוז האבן א בילד מוזן זיך איינשרייבן אינעם AFIS. דער פארלאנג איז נישט שייך פאר Family Health Plus אדער פאר די פאמיליע פלאנירונג בענעפיט פראגראם. בדרך כלל, די וואס פארלאנגן אדער באקומען בלויז מעדיקעיד, מוזן אלע מענטשן איבער די 18 יאר און וועמענס בענעפיט קארטל פארלאנגט א בילד, זיך איינשרייבן אינעם AFIS. אבער עס זענען פאראן געוויסע אויסנאמען צו דעם כלל, און עס קען זיך טוישן לויט די קאונטי אין וועלכע איר וואוינט. אויב איר האט פראגעס לגבי אויב איר זענט מחוייב צו מאכן א בילד פון די פינגער-אפדריק, פארבינדט אייך מיט דער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס אין אייער קאונטי, און פרעגט זיי וויאזוי דער פארלאנג איז נוגע צו אייער ספעציפישע מצב.

**5. אחריות מודיע צו זיין ענדערונגען**

**כלליות'דיגע אינפארמאציע איבער ענדערונגען**

אויב אייער מצב ענדערט זיך אויף סיי וועלכע אופן ווילאנג איר ווארט צו הערן איבער אייער אפליקאציע, זאלט איר לאזן אן ארבעטער וויסן אזוי באלד ווי מעגליך.

-איר מוזט אינפארמירן אייער ארבעטער אומבאדינגט איבער סיי וועלכע ענדערונג אין אייער מצב, ווי למשל פארדינסטן, ארבעטס גלעגנהייט, ווי איר וואוינט אדער טשיילד קעיר איינארדענונג, אדער אנדערע טוישונגען וועלכע קען אפעקטירן אייער ווייטערדיגע בארעכטיגקייט אדער דער סכום פון אייערע בענעפיטן.

פאר צייטווייליגע הילף, מוזט איר איינמעלדן ענדערונגען ביז 10 טעג נאכ'ן ענדערונג. עס איז פאראן **בלויז איין** אויסנאם. אויב איר באקומט צייטווייליגע הילף פאר א קינד און איר ווייסט אז דאס קינד וועט פעלן פינדערהיים פאר 45 טעג אדער מער, מוזט איר איינמעלדן דעם ענדערונג ביז **5** טעג נאכ'ן געוואויר ווערן אז דאס קינד וועט זיין אפוועזנד פאר אזוי לאנג. די דאזיגע איינמעלדן זמנים מוזן געהאלטן ווערן, אפילו אויב איר באקומט אנדערע בענעפיטן, למשל פוד סטעמפס און מעדיקעיד, און יענע פראגראמען האבן אנדערע איינמעלדן פארלאנגען. **דאס איז זייער וויכטיג פאר צייטווייליגע הילף וויבאלד דאס פארפעלן איינצומעלדן די ענדערונג קען אפעקטירן אייערע ווייטערדיגע בארעכטיגקייט.**

איר מוזט איינמעלדן די אגענטור איבער יעדעס ענדערונג, אריינגערעכנט אבער נישט בלויז ענדערונגען אין אייערע צרכים (למשל, די סכום וויפיל איר צאלט דירה-געלט גייט ארויף אדער אראפ), פארדינסטן, פארמעגנס מיטלן, וואוינונג איינריכטונג, ווי איר וואוינט,, גרויס פון דאס הויזגעזינד, ארבעטס געלעגנהייט, געזונט, ייע אינפארמאציע איבער אייער קינד'ס פעלנדע עלטערן, העלטל אינשורענס וועלכע איז געווארן צוטריטליך פאר אייך אדער אייער קינד, אימיגראציע\בירגערשאפט סטאטוס. אויב איר זענט נישט זיכער אויב איר דארפט איינמעלדן אן ענדערונג, **מעלדט עס**.

אויב איר באקומט בלויז פוד סטעמפס בענעפיטן און איר זענט נישט איינגעמאלדן געווארן אז איר דארפט זיך איינמעלדן בלויז צו יעדע 6 חדשים, מוזט איר איינמעלדן ביז 10 טעג:

- ענדערונגען אין סיי וועלכע מקור פון פארדינסט פאר סיי ווער אינעם הויזגעזינד.
- ענדערונגען אין דער סך הכל פון אייער הויזגעזינד'ס פארדינטע איינקונפט, ווען עס גייט ארויף אדער אראפ מיט מער פון $100 א חודש.
- ענדערונגען אין דער סך הכל פון אייער הויזגעזינד'ס פארדינטע איינקונפט, ווען עס גייט ארויף אדער אראפ מיט מער פון $25 א חודש, אויב עס קומט אריין פון א **עפנטליכע** מקור (למשל סאשעל סעקיוריטי בענעפיטס, אנענפלוימענט אינשורענס בענעפיטס ((UIB, וכדומה.)
- ענדערונגען אינעם סך הכל פון אייער הויזגעזינד'ס אומפארדינטע איינקונפט, ווען עס גייט ארויף אדער אראפ מיט מער פון $100 א חודש, אויב עס קומט אריין פון א **פריוואטע** מקור (למשל קינדער געלט צאלונגען, פריוואטע דיסאביליטי אינשורענס צאלונגען, וכדומה).
- ענדערונגען פון $100 אדער מער פון געריכט-פאראדערנטע קינדער געלט געצאלט צו א קינד וועלכע איז נישט א חלק פונעם פוד סטעמפס הויזגעזינד.
- ענדערונגען אינעם סך הכל מענטשן אין אייער הויזגעזינד.
- אייער נייע אדרעסס, אויב איר מופט.
- א נייע אדער אן אנדערע קאר, אדער אן אנדערע וויהיקל.
- אן ענדערונג אין אייער רענט אדער מארטגעדזש אויסגאבע.
- העכערונגען אין אייער הויזגעזינד'ס קעש, סטאקס, באנדס, געלט אין דער באנק אדער אן אינסטיטוציע ווי מען שפארט זיך אוועק געלט, אויב דער סך הכל פון די קעש און סעיווינגס פון אלע הויזגעזינד מיטגלידער איז יעצט $2,000 אדער מער ($3,000 אדער מער אויב איינער פון די הויזגעזינד מיטגלידער זענען דיסעיבלד אדער 60 יאר און עלטער).

ווען אימער איר מעלדט איין אן ענדערונג מוזן מיר זען וויאזוי עס אפעקטירט אייער בארעכטיגקייט. טיילמאל קען אן ענדערונג גורם זיין אז איר זאלט באקומען מער געלט אדער אנדערע הילף, למשל אויב איר האט געבוירן א נייע קינד אדער אויב אייער דירה-געלט הייבט זיך. אבער אן ענדערונג ווי למשל אויב איינער פארלאזט עמטליך אייער הויזגעזינד אדער איר הייבט אן א נייע דזשאב אדער איר האט מער פארדינסטן, קען גורם זיין אז איר זאלט באקומען ווייניגער הילף.

אויב איר באקומט צייטווייליגע הילף, פוד סטעמפס בענעפיטן אדער מעדיקעיד און איר מוזט **נישט** איינמעלדן רעפארטס יעדע פערטל יאר און איר זענט נישט א פוד סטעמפס זעקס-חדשים'דיגע איינמעלדער, מוזט איר זאגן פאר אייער ארבעטער איבער ענדערונגען ביז 10 טעג און געבן אייער ארבעטער באווייז פון דעם ענדערונג (למשל א pay stub, בריוו איבער אן award, צעטל פונעם לענדלארד). אויב איר מעלדט **נישט** איין אן ענדערונג, ווי למשל

פארמערטע איינקונפט, און דאס באדייט אז איר באקומט צופיל געלט אדער אנדערע הילף, וועט איר עס מעגליך מוזן צוריקצאלן. עס קען אויך גענומען ווערן לעגאלע שריט קעגן אייך. ווי אויך, וועט איר מעגליך נישט קענען באקומען צייטווייליגע הילף אדער פוד סטעמפס בענעפיטן פאר א געוויסע צייט אפשניט.

אויב איר באקומט פוד סטעמפס בענעפיטן און איר זענט אויסגעשטעלט צו די ארבעטס פארלאנג פון פעאיגע מענטשן אן דיפענדענטס (ABAWDS), מוזט איר איינמעלדן ווען אייער חודש'ליכע באטייליגונג אין א דזשאב אדער אנדערע ארבעט פאלט אונטער 80 שעה.

פאלגענד זענען משלים פון פארשידענע ענדערונגען וועלכע איר מוזט איינמעלדן ביז 10 טעג, אויסער אויב איר זענט א 6-חדשים'דיגע איינמעלדער פאר פוד סטעמפס בענעפיטן:

- איר באקומט א דזשאב אדער איר פארלירט א דזשאב אדער די שעה'ן וואס איר ארבעט ענדערט זיך.
- די סך הכל מענטשן אין אייער הויזגעזינד ענדערט זיך. למשל:
  - א עלטערן וועלכע האט נישט קיין זארגרעכט איז צוריקגעקומען.
  - א קינד פארלאזט די היים אדער קומט צוריק.
- איר זענט מעוברת, אדער איר האט אקורשט געבוירן א קינד.
- אייער פארדינסטן אדער די ווירקליכע ארבעטס שעות ענדערן זיך.
- איר הייבט אן אדער איר ענדיגט באקומען אנדערע איינקונפט, ווי למשל:
  - סאשעל סעקיוריטי בענעפיטן אדער סאפפלעמענטל סעקיוריטי אינקאם (SSI)
  - קינדער געלט, אויסהאלטונג אדער סיי וועלכע אנדערע געלטער פון א עלטערן אדער מאן\ווייב וועלכע האט נישט קיין זארגרעכט
  - UIB (אנענפלוימענט אינשורענס בענעפיט)
  - פענסיע אדער ריטייערמענט בענעפיטן
  - ארבעטער'ס אנטשעדיגונג אדער א סעטלמענט פאר אן עקסידענט
  - געלט פון א גאסט, איינשטייער, אדער פון ארויסדינגן א הויז אדער א דירה פאר אן אנדערע מענטש
  - שטייער ריפאנד
  - EITC (שטייער קרעדיט פאר פארדינטע איינקונפט) (בלויז פאר פוד סטעמפס)
  - סיי וועלכע אנדערע געלט איר באקומט, דורך ארבעטן אדער אויף אן אנדערע אופן.
- אייער טויש פון אדערסס, די סכום וויפיהל איר באצאלט רענט ענדערט זיך אדער איר הייבט אן באקומען מער הילף צו באצאלן פאר וואוינונג, ווי למשל א סובסידיע פון די גאווערנמענט.
- א קינד אונטער די 18 יאר פארלאזט שולע (פעלט נישט אויס אויב איר אפעלירט בלויז פאר מעדיקעיד).
- א קינד פון 16 יאר אדער עלטער אין אייער היים פארלאזט שולע (פעלט נישט אויס אויב איר אפעלירט בלויז פאר מעדיקעיד).
- אן ערוואקסענע אין אייער היים גייט אריין אין שפיטאל, ווערט קראנק אדער איז אין א מצב וועלכע אפעקטירט זיין אדער איר פעאיגקייט צו ארבעטן, אנטיילצונעמען אין ארבעטס אקטיוויטעטן, אדער צו זארגן פאר די קינדער פינעם הויזגעזינד (פעלט נישט אויס פאר מעדיקעיד).
- איר ווערט געוואויר נייע אינפארמאציע בנוגע א עלטערן וועלכע פארמאגט נישט קיין זארגרעכט, ווי למשל ווי דער עלטערן געפינט זיך. (אויסער אויב איר באקומט מעדיקעיד Buy-In פראגראם פאר מענטשן מיט דיסאביליטיס וועלכע ארבעטן).
- איר האט חתונה, שיידט זיך אדער גט זיך.
- איר אדער אייער פאמיליע באקומט העלט אינשורענס, אפילו אויב עמיצער אנדערש באצאלט פאר די אינשורענס. (אויב איר אפעלירט בלויז פאר פוד סטעמפס בענעפיטן, דארפט איר דאס נישט איינמעלדן).
- איר אדער איינער וואס וואוינט מיט אייך באקומט א אייגענטום.
- איר אדער איינער וועלכע וואוינט מיט אייך פירט אריבער סיי וועלכע אייגנטום אדער געלט.
- איר אדער איינער וועלכע וואוינט מיט אייך ווערט געשעדיגט אין אן עקסידענט, באקומט מעדיצינישע באהאנדלונג באצאלט דורך מעדיקעיד, און קלאגט אן דער וואס האט גורם געווען די עקסידענט.
- א קינד וועט זיין אינדרויסן פינדערהיים פאר 45 אדער מער נאכאנאנדע טעג אדער 30 טעג פאר מעדיקעיד.

### אחריות צו מעלדן א איינמאליגע אויסצאל (Lump Sum Payment)

אן איינמאליגע אויסצאל איז אן איינמאליגע אויסצאל, ווי למשל א סעטלמענט פון אינשורענס, אן רוקווירקינדע סומע פאר אנגעזאמלטע בענעפיטן פון פארגאנגענע חדשים, סיי וואספארא ירושה, אדער א געווינס פון געמבלינג, וואס, ווען מען לייגט עס צעזאמען מיט אנדערע חודש'ליכע איינקונפט איז עס מער פון דאס וואס איר נויטיגט זיך פון צייטווייליגע הילף (דהיינו, די צייטווייליגע הילף גרענט איידער מ'רעכנט די איינקונפט). ווען אן איינמאליגע צאלונג איז מינדערוויכטיג, דהיינו ווען מען לייגט עס צעזאם מיט אייער אנדערע איינקונפט איז עס ווייניגער פון אייער צייטווייליגע הילף באדערפעניש (דאס איז די צייטווייליגע הילף גרענט איידער דער איינקונפט ווערט גערעכנט), איז נישט פארעכנט ווי אן איינמאליגע באצאלונג; עס ווערט פארעכנט ווי איינקונפט. אויב איר אדער סיי וועלכע מיטגליג פון אייער הויזגעזינד באקומט אדער ערווארט צו באקומען אן איינמאליגע באצאלונג, אדער אן איינמאליגע איינקונפט אפצאל, מוזט איר דאס זאגן פאר אייער ארבעטער **שוין באלד**. אויב איר באקומט אן איינמאליגע באצאלונג, און איר באקומט צייטווייליגע הילף, קען אייער גרענט אפעקטירט ווערן ווי פאלגענד:

1) אויב איר באקומט אן איינמאליגע באצאלונג, קענט איר ווערן ערלויבט צו האלטן אזא חלק פונעם איינמאליגע באצאלונג וואס צוזאמען מיט אייער גערעכנטע פארמעגנס מיטלן גייט עס נישט איבער די פארמעגנס מיטלן לימיט. דאס ווערט אנגערופן די פארמעגנס מיטלן געלייגט אין די זייט. די פארמעגנס מיטלען לימיט איז $2,000 פאר א מענטש אדער פאמיליע, אדער $3,000 אויב דער מענטש אדער דער פאמיליע אנטהאלט א מיטגליד העכער די 60 יאר.
2) אויב די סכום וואס בלייבט איבער (וואס איז איבער די פארמעגנס מיטל הויך) איז **ווייניגער פון** אייער חודש'ליכע צייטווייליגע נויט פאר הילף (דאס

איז דער TA גרענט איידער מען רעכנט פארדינסטן), איז דאס וואס איז איבערגעבליבן פון דער איינמאליגע באצאלונג, און עס ווערט גערעכנט אלץ איינקונפט פאר דער חודש אין וועלכע איר באקומט עס. מאכט זיכער צו זען די **אויסנאמען** אונטען.

3) אויב דאס פארבליבענע סכום איז **מער פון** אייער נויטיגע חודש'ליכע צייטווייליגע הילף, מוזט איר טון איינס פון די פאלגענדע ברירות:

<u>ערשטע ברירה</u>

- **געבט איבער** די איינמאליגע באצאלונג צו דער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס אפצוצאלן די געלט און הילף וואס איר אמאל באקומען.
- אויב איז דער איינמאליגע באצאלונג ווייניגער ווי דער סומע פון די הילף וואס מיר האבן אייך נארוון באצאלט, קען אייער קעיס פארבלייבן אפן.
- אויב איז דער איינמאליגע באצאלונג מער ווי דער סומע פון די הילף וואס מיר האבן אייך נארוון באצאלט, זענען גילטיג די כללים אין דער **"האלט"** חלק ווייטער.

<u>צווייטע ברירה</u>

**האלט** דער איינמאליגע באצאלונג אדער דער באלאנס פון דער איינמאליגע באצאלונג. אייער צייטווייליגע הילף קעיס וועט דאן פארמאכט ווערן פאר א געוויסע צייט אפשניט. די לענג פון דער צייט אפשניט וואס אייער קעיס וועט זיין פארמאכט ווענדט זיך אויף ווי פיל דער איינמאליגע באצאלונג איז, און ווי פיל איז אייער נויט פאר צייטווייליגע הילף.

***למשל:*** אויב איר באקומט $4,750 אלס אן איינמאליגע באצאלונג, און איר האט געהאט אן איינקונפט פון $250 פאר א סך הכל פון $5,000 און איר האט $500 אין פארמעגנס מיטלן, קענט איר האלטן $1,500 ($2,000 פארמעגנס מיטל לימיט - $500 אין פארמעגנס מיטלן). דאס מיינט דער פארמעגנס מיטל לימיט געלייגט אין א זייט. אויב איר געבט נישט איבער די ($3,500) פאר די אגענטור, וועט עס גענוצט ווערן אויסצורעכענן פאר ווי לאנג איר קענט נישט באקומען צייטווייליגע הילף. אויב אייער חודש'ליכע נויט פאר צייטווייליגע הילף איז $500, וועט אייער הויזגעזינד נישט קענען באקומען צייטווייליגע הילף פאר 7 חדשים ($3,500 צעטיילט מיט $500 אין נויט = 7 חדשים).

מאכט זיכער צו זען די אויסנאמען אונטען.

| |
|---|
| **באמערקט:** אויב איר בארקומט טשיילד קעיר בענעפיטן, קענען פארשידענע איינמאליגע באצאלונגען אויסמאכן לגבי אייער בארעכטיגקייט פאר טשיילד קעיר אדער די סומע פון אייער קינד'ס טשיילד קעיר בענעפיטן. איר מוזט שוין באלד זאגן פאר אייער ארבעטער וועגן סיי וועלכע איינמאליגע באצאלונגען. |

**אויסנאמען**

איר אדער סיי ווער עס איז אויף אייער קעיס וועט נישט קענען באקומען קיין צייטווייליגע הילף פאר א געוויסע צייט דורכאויס דער חודש אין וועלכע איר האט באקומען דער איינמאליגע באצאלונג, אפילו אויב דער איינמאליגע באצאלונג איז שוין געווארן אויסגעגעבן, אויסער אויב איינס פון דאס פאלגענדע פארקורצט יענע צייט אפשניט:

- ביז נייניציג טעג נאכדעם וואס איר האט באקומען דער איינמאליגע באצאלונג דאקומענטירט איר פאר אונז אז איר האט פארנוצט א חלק אדער דאס גאנצע פאר די פאלגענדע אויסנאם מיטלען:
  - צו קויפן א קאר וועלכע איז באפרייט פון די צייטווייליגע הילף פארמעגנס מיטל לימיט, און איז נויטיג כדי צו זוכן אדער אנהאלטן א דזשאב אדער צו פארן צו און פון די ארבעט (מאקסימום סומע איז $9,300, אעדר העכער אויב דער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס האט אזוי באשטימט);
  - צו עפענען א באזונדערע באנק אקאונט אדער באנק אקאונטס וועלכע זענען באפרייט פון די פארמעגנס מיטל לימיט פון צייטווייליגע הילף, ווי למשל א First or Replacement Automobile Account מיט די מטרה פון קויפן א קאר כדי צו זוכן אדער אנהאלטן א דזשאב (מאקסימום סכום פון $4,650), אדער א College Tuition Account מיט די מטרה צו באצאלן שכר לימוד פאר א צוויי יעריגע פאסט-סעקאנדערי מוסד (מאקסימום $1,400);
  - איינצוקויפן א חלקת קבורה וועלכע איז באפרייט פון די פארמעגנס מיטל לימיט פון צייטווייליגע הילף; אדער
  - איינצוקויפן אן עכטע הסכם קבורה (מאקסימום סכום איז $1,500) וועלכע איז באפרייט פון די פארמעגנס מיטל לימיט פון צייטווייליגע הילף.

אויב איר פארנוצט דאס איבערגעבליבענע פונעם איינמאליגע באצאלונג ביז 90 טעג פון ווען איר האט דאס באקומען, און איר דאקומענטירט פאר אונז אז דאס פארבליבענע איז אריינגעגאנגען אין איינס פון די באפרייטע פארמעגנס מיטלן, וועלן אונז צוריק עפענען אייער קעיס ביז צום דאטום ווען עס איז פארמאכט געווארן, אויב איר אפעלירט נאכאמאל און מען טרעפט אייך אויסער דעם בארעכטיגט. אויב איר האט פראגעס בנוגע דאס פארנוצען די איינמאליגע באצאלונג פאר די דאזיגע באפרייטע פארמעגנס מיטלן, רעדט זיך דורך מיט אייער ארבעטער איידער איר גייט עפעס טון מיט אייער געלט.

| |
|---|
| **הערה:** אויב דער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס איז מחליט אז איר האט נישט גענוצט קיין איינס פון די באפרייטע פארמעגנס מיטלן (אין א זייט געלייגט) פאר די צוועק וואס מען האט געפלאנט געווען פאר יענץ, (דהיינו איר האט דענאך פארמאכט אדער אוועקגעפירט די געלטער און איר נוצט נישט די באנק אקאונטס פאר דער צוועק וואס מען האט אוועקגעלייגט דאס געלט, אדער איר ליקווידירט אייער חלקת קבורה אדער הסכם קבורה, וכדומה) קען דער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס אויסחשבון'ען אן איבערצאלונג פון געגעבענע הילף. |

- עפעס פאסירט וואס וואלט געמאכט אייער צייטווייליגע הילף ארויפגיין אויב וואלט איר נאך באקומען צייטווייליגע הילף. למשל, אייער דירה געלט גייט ארויף אדער איר האט א ספעציעלע נויט, ווי למשל איר זענט מעוברת.
- טייל אדער דאס גאנצע פון דער איינמאליגע באצאלונג איז גענוצט געווארן פאר א צוועק וואס איר האט נישט געקענט העלפן. אייער פאמיליא האט זיך געטראפן אין אן עמערדזשענסי, איר האט אומגעהויערע גרויסע הויזגעזינד הוצאות ווי למשל הייצונג, וואוינונג, אדער אייער געלט איז געגנבעט געווארן.
- דורכאויס די צייט אפשניט וואס איר קענט נישט געניסן פון צייטווייליגע הילף באקומט א משפחה מיטגליד מעדיצינישע באהאנדלונג וועלכע וואלט באצאלט געווארן אונטער דער מעדיקעיד פראגראם.

אויב אייער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס ווערט געוואויר אז איר האט פראפערטי אדער אז איר האלט אט ביים באקומען אן איינמאליגע באצאלונג, קענען זיי ארויפלייגן א עיקול אקעגן די פראפערטי אדער דער איינמאליגע באצאלונג. דאס מיינט אז איידער איר ערהאלט סיי וועלכע געלט פון דער פראפערטי אדער דער איינמאליגע באצאלונג, קען אייער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס נעמען די סומע פון צייטווייליגע הילף וואס איר, אייער מאן\ווייב און קינד(ער), אריינגערעכנט שטיף קינדער, האבן באקומען. עיקולים קענען אויך געלייגט ווערן אקעגן סעטלמענטס פון פערזענליכע שאדן און סיי וועלכע אנדערע ריעל עסטעיט פראפערטי וואס איז אין אייער בעלות. ריעל עסטעיט פראפערטי רעכנט אריין די היים וואס איז אייערס און איר וואוינט דערין, ווי אויך אנדערע ריעל עסטעיט וואס באלאנגט פאר אייך.

אויב איר באקומט פוד סטעמפס בענעפיטן און איר באקומט אן איינמאליגע באצאלונג וואס חזר'ט זיך נישט איבער, וועט עס פארעכנט ווערן ווי א פארמעגנס מיטל אנהויבנדיג אינעם חודש וואס איר האט עס באקומען און עסו ועט נישט גערעכנט ווערן אלס איינקונפט.

אויב איר באקומט מעדיקעיד, קען אן איינמאליגע באצאלונג אפעקטירן אייער בארעכטיגונג. איר מוזט דערציילן פאר אייער ארבעטער ציכף ומיד איבער סיי וועלכע איינמאליגע באצאלונג איר באקומט.

### 6. אחריות בנוגע אייער CBIC (געוועגדליכע בענעפיט אידענטיפיקאציע קארטל)

צו באקומען צוטריט צו קעש געלט פון צייטווייליגע הילף אדער פוד סטעמפס בענעפיטן, וועט איר מוזן האבן אייער CBIC (געוועגדליכע בענעפיט אידענטיפיקאציע קארטל) און אייער PIN (פערזענליכע אידענטיפיקאציע נאמבער). אייער CBIC און אייער PIN וועלן דינען ווי אייער אונטערשריפט ווען איר באנוצט אייערע בענעפיטן.

עס איז אייער אחריות צו האלטן חשבון פון אייערע אקאונט באלאנס. אויב איר זענט חושד אז אייערע אקאונטס ווערן באנוצט אן אייער וויסן, זאלט איר זיך פארבינדן מיט די EBT קאסטומער סערוויס האטליין צו דע-אקטיוויזירן אייער CBIC. נאכדעם וואס איר טוט דאס זאלט איר זיך פארבינדען מיט אייער ארבטער צו באקומען אן אנדערע קארטל.

איר וועט געהאלטן ווערן פאראנטווארטליך פאר קעש און פוד סטעמפס בענעפיטן וועלכע ווערן באנוצט נוצענדיג אייער CBIC קארטל און PIN. אויב עמיצער אנדערש באנוצט זיך מיט אייער CBIC און PIN צו באנוצן אייער אקאונט, וועט איר נישט באקומען קיין ערזאץ בענעפיטן אפילו אויב איר טענה'ט אז איר האט נישט באקומען יענע בענעפיטן.

עס איז אייער אחריות אפצוהיטן אייער PIN אין געהיים. איר זאלט **נישט** אויסזאגן אייער PIN פאר קיינעם, און איר זאלט עס **נישט** אראפשרייבן אויף אייער CBIC קארטל. איר זאלט קיינמאל נישט אויסזאגן אייער PIN נאמבער פאר קיינעם; אפילו אויב דער מענטש טענה'ט אז ער איז פון דער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס און טענה'ט אז ער מוז האבן די אינפארמאציע. קיינער פון דער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס וועט אייך אמאל בעטן פאר אייער PIN נאמבער.

אויב אייער CBIC קארטל ווערט פארלוירן, געגנבעט אדער געשעדיגט, רופט קאסטומער סערוויס ביי 1-800-328-6399. צו באקומען אן ערזאץ קארטל מוזט איר רופן אייער בארעכטיגונג ארבעטער. מיסברויכן אדער אביוזן אייער קארטל, ווי למשל עס פארקויפן, קען צוברענגען אן אינוועסטיגעישאן דורך די סטעיט און\אדער די פעדעראלע אינסטאנצן. דאקומענטירטע וואיעלעישאנס וועלן גורם זיין סאנקציעס וועלכע זענען כולל:

- דיסקוואליפיקאציע פונעם פראגראם, און\אדער
- ווידערגעוואונונג דורך ווידערגוטמאכונג, און\אדער
- געריכטליכע אנקלאגע

אויב איר האט פארגעסן אייער PIN נאמבער קענט איר רופן קאסטומער סערוויס ביי 1-888-328-6399 צו קלויבן א נייע PIN. איר קענט אויך אויסקלויבן א נייע PIN פערזענליך אין אייער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס אדער קענט איר בעטן אייער ארבעטער אייך ארויסצושיקן אייער יעצטיגע פערזענליכע PIN וועלכע איז ארויסגעשיקט געווארן דורך די פאסט צו אייך דורך דער עלעקטראנישע בענעפיטן טרענספער קאנטראקטאר.

איר וועט אויך מוזן ווייזן אייער CBIC קארטל כדי צו האבן צוטריט צו מעדיקל הילף סערוויסעס. צו באנוצען Family Health Plus בערוויסעס, נוצט דער קארטל וואס איר זענט געשיקט געווארן דורך דער העלט פלאן וועלכע איר האט אויסגעקליבן.

### 7. אחריות צו באנוצען אייערע פוד סטעמפס בענעפיטן

**אויב איר באקומט פוד סטעמפ בענעפיטן מיט עלעקטראנישע בענעפיטן טרענספער (EBT):**

אויב איר זענט באשטעטיגט צו באקומען פוד סטעמפס בענעפיטן, וועלן אייערע בענעפיטס <u>געשיקט</u> ווערן צו אייער עלעקטראנישע בענעפיט טרענספער (EBT) אקאונט אויפ'ן זעלבן דאטום א יעדן חודש. אויב איר פארנוצט נישט אייערע EBT פוד סטעמפס בענעפיטן אקאונט במשך 365 נאכאנאנדע טעג, וועט עס אריינפאלן אין א אויסשליסונג סטאטוס. דאס מיינט אז סיי וועלכע פוד סטעמפס בענעפיטן וועלכע איז געווען עוועילעבל אין אייער אקאונט פאר די לעצטע 365 טעג וועט ווערן פארמעקט. פארמעקטע פוד סטעמפס בענעפיטן קען נישט ווערן צוריקגעשטעלט.

**8. אחריות צו צוריקצאלן איבערצאלונג פון בענעפיטן**

<u>**פאר צייטווייליגע הילף:**</u>

אויב איר באקומט מער צייטווייליגע הילף ווי וואס איר האט געזאלט (איבערצאלונג), מוזט איר עס צוריקבאצאלן. אויב אייער קעיס איז נאך אקטיוו, וועלן מיר צוריקנעמען דער סכום פון דער איבערצאלונג פון קומענדיגע צייטווייליגע הילף בענעפיטן וואס איר באקומט. אויב אייער צייטווייליגע הילף קעיס איז שוין פארמאכט, וועט דער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס זיך פארבינדן מיט ייך איבער צוריקצאלן דער סכום וואס איר זענט שולדיג.

<u>**פאר מעדיקעיד:**</u>

סיי וועלכע מעדיקעיד צאלונגען וועלכע זענען געמאכט געווארן פאר סערוויסעס וועלכע איר האט באקומען אדער פאר פרימיומס אויסגעצאלט פאר אייערטוועגן פאר א צייט אפשניט וואס איר זענט נישט געווען בארעכטיגט צו מעדיקעיד, מוז ווערן צוריקגעצאלט. דער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס וועט זיך פארבינדען מיט אייך וויאזוי צוריקצובאצאלן דער סכום וואס איר זענט שולדיג.

<u>**פאר פוד סטעמפס בענעפיטן:**</u>

אויב איר באקומט מער פוד סטעמפס בענעפיטן ווי איר האט געזאלט באקומען, מוזט איר עס צוריקבאצאלן. אויב אייער קעיס איז נאך אקטיוו, וועלן מיר צוריקנעמען דער סכום פון איבערצאלונג פון שפעטערדיגע פוד סטעמפס בענעפיטן וועלכע איר באקומט. אויב אייער קעיס איז שוין פארמאכט, קענט איר צוריקבאצאלן דורך סיי וועלכע אומבאנוצטע פוד סטעמפס בענעפיטן וועלכע איז נאך פארבליבן אין אייער אקאונט, אדער קענט איר עס באצאלן אין קעש געלט.

אויב איר האט אן איבערצאלונג וועלכע ווערט נישט צוריקבאצאלט, וועט עס איבערגעגעבן ווערן פאר איינקאסירונג דורך פארשידענע אופנים, אריינגערעכנט אטאמאטישע איינקאסירונג דורך די פעדעראלע גאווערנמענט. פעדעראלע בענעפיטן (ווי למשל סאשעל סעקיוריטי) און טעקס ריפאנדס וועלכע איר האט א רעכט צו באקומען קען גענומען ווערן אויף צוריקצובאצאלן די איבערצאלונג. דער חוב וועט אויך זיין אויסגעשטעלט צו א פראסעסינג טשארדזש.

סיי וועלכע אויסגעמעקטע פוד סטעמפס בענעפיטן וועלן גערעכנט ווערן קעגן אייער איבערצאלונג. אויב איר בעט נאכאמאל פאר פוד סטעמפס בענעפיטן, און איר האט נאכנישט צוריקבאצאלט דער סכום וואס איר זענט שולדיג וועט אייערע פוד סטעמפס בענעפיטן רעדוצירט ווערן אויב איר הייבט נאכאמאל צו באקומען. מען וועט אייך מודיע זיין אין יענע צייט איבער דער סכום פון רעדוצירטע בענעפיטן וואס איר וועט באקומען.

<u>**פאר טשיילד קעיר בענעפיטן:**</u>

אויב איר באקומט מער טשיילד קעיר בענעפיטן ווי איר האט געזאלט באקומען, מוזט איר עס צוריקבאצאלן. אויב אייער קעיס איז נאך אקטיוו, קען אייערע עלטערנס חלק פון די קאסטן פונעם קינד געהעכערט ווערן אדער קען דער סכום פון טשיילד קעיר פארמינערט ווערן ביז דער סכום וואס איר זענט שולדיג ווערט צוריקגעצאלט. אויב אייער קעיס איז שוין פארמאכט, מוזט איר נאכאלטס צוריקצאלן דער סכום וואס איר זענט שולדיג אדער איר וועט מער נישט זיין בארעכטיגט ווען איר בעט ווידער.

**9. אחריות צו נעמען א דזשאב**

<u>**פאר צייטווייליגע הילף:**</u>

אלס אן אפליקאנט אדער גענימער פון צייטווייליגע הילף מוז איר:

- כסדר זוכן פאר א דזשאב, אפילו אויב איר זענט נישט צוגעטיילט געווארן צו טון אזוי, און זיין גרייט צו צושטעלן באווייז אז איר האט געזוכט פאר א דזשאב. אויב איר דארפט טשיילד קעיר כדי צו זוכן פאר א דזשאב, מוזט איר דאס זאגן פאר אייער ארבעטער.
- נעמען א דזשאב ווען עס מאכט זיך.
- טיילנעמען אין אן אפשאצונג פון אייערע פעאיגקייטן צו ארבעטן און טיילנעמען און ארבעטס אקטיוויטעטן.
- אויס אויב א החלטה איז געמאכט געווארן אז איר זענט באפרייט פון ארבעטס אקטיוויטעטן, מוזט איר טיילנעמען אין ארבעטס אקטיוויטעטן אזוי ווי איר ווערט צוגעטיילט דורך דער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס. איר וועט אויך מעגליך פארלאנגט ווערן דורכצוגיין א מעדיקל אפשאצונג אדער באקומען א מעדיקל סטעיטמענט צו טיילנעמען אין ארבעטס אקטיוויטעטן וואס איר זענט געווארן צוגעטיילט, אדער צו באווייזן אז איר האט א מעדיקל פראבלעם וואס פארמיידט אייך פון ארבעטן.
- אויב א החלטה איז געמאכט געווארן אז איר זענט באפרייט פון אנטייל נעמען אין ארבעטס אקטיוויטעטן, קען פארלאנגט ווערן פון אייך אנצונעמען מעדיקל קעיר אדער אנדערע ארבעטס סערוויסעס צוריקצושטעלן אייער פעאיגקייט צו ארבעטן. איר וועט מעגליך אויך פארלאנגט ווערן צו זיין אנוועזנד ביי א מיטינג מיט דער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס און צושטעלן באווייז אויף צו קענען מחליט זיין אויב איר זאלט ממשיך זיין צו זיין באפרייט פון דער ארבעטס פארלאנג.
- אויב איר האט א צייטווייליגע פטור פון ארבעטס אקטיוויטעטן צוליב געוואלדטאטן אינדערהיים, מוזט איר זיך טרעפן מיט א ליעיזאן פאר געוואלדטאטן אינדערהיים איידער יעדעס פטור לויפט אויס כדי מחליט צו זיין איבער די המשך פון אייער בארעכטיגקייט פאר א פטור.

**אויב איר שטעלט זיך נישט צו מיט די פארלאנגען אויף די ליסטע אויסגערעכנט פריער, קענט איר אדער אייער הויזגעזינד ווערן צוריקגעוויזן פון באקומען צייטווייליגע הילף אדע רקען אייער הויזגעזינד'ס צייטווייליגע הילף בענעפיטן פארמינערט ווערן.**

איר ווערט פארעכנט אלץ ארבעטספעאיג און איר מוזט אנטייל נעמן אין ארבעטס אקטיוויטעטן אויסער אויב איר זענט באשטימט דורך דער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס צו זיין:

1) דיסעיבלד, באהינדערט, קראנק אדער געשעדיגט אויף אזוי ווייט אז איר קענט נישט עוסק זיין אין ארבעטס אקטיוויטעטן;

2) יונגער פון זעכצן יאר אלט אדער עלטער פון זעכציג יאר אלט;
3) אונטער די יארגאנג פון ניינצן און באטייליגט זיך גענצליך אין א סעקענדערי ארבעטס אדער טעכנישע שולע;
4) באדארפט אינדערהיים די גאנצע צייט זיך אפצוגעבן מיט א קראנקע, באהינדערטע אדער דיסעיבלד הויזגעזינד מיטגליד, און איר זענט דער איינציגסטע וועלכע קען נארמאלערהייט פארזארגן דער קעיר;
5) מעוברת און ערווארטעט צו געבוירן אייער קינד ביז 30 טעג;
6) באדארפט אינדערהיים זיך אפצוגעבן מיט א קינד אונטער צוועלף חדשים אלט. דער באפרייאונג וועט נישט אנהאלטן לענגער פון דריי חדשים נאכדעם וואס א קינד איז געבוירן, אויסער אויב דער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס מאכט א החלטה צו פארלענגערן דער פטור פאר א מאקסימום פון צוועלף חדשים במשך אייער גאנצע לעבן;
7) אוממעגליך צו אנטייל נעמען ווייל איר האט נישט ווער זאל זיך אפגעבן מיט א קינד;
8) אממוגעליך זיך צו באטייליגן און איר האט א פטור פון ארבעטס פארלאנגן צוליב געוואלדטאטן אינדערהיים וועלכע איז אייך געגעבן געווארן דורך א ליעיזאן פאר געוואלדטאטן אינדערהיים.

**<u>סאנקציעס פאר'ן פארפעלן זיך צוזישטעלן צו א צייטווייליגע הילף ארבעטס צוטיילונג:</u>**

אויב איר זענט נישט באפרייט פון אנטייל נעמען אין ארבעטס אקטיוויטעטן און איר שטעלט זיך נישט צו מיט די פון פריער אויסגערעכנטע פארלאנגען, איר אדער אייער הויזגעזינד קען צוריקגעוויזן ווערן צייטווייליגע הילף אדע רקען אייער הויזגעזינד'ס צייטווייליגע הילף בענעפיטן פארמינערט ווערן. די לענג פונעם צייט אפשניט וואס אייערע בענעפיטן וועלן זיין רעדוצירט ווענדט זיך אויף אויב אייער הויזגעזינד האט יא אדער נישט א אנגעוואנדענע קינד, און וויפיל מאל איר האט פארפאסט זיך צוזישטעלן.

פאר א הויזגעזינד מיט אנגעוואנדענע קינדער, וועט דער הויזגעזינד'ס גרענט פארמינערט ווערן ווי פאלגענד:

- דאס ערשטער מאל וואס איר שטעלט זיך נישט צו – ביז איר שטעלט זיך צו,
- דאס צווייטע מאל וואס איר שטעלט זיך נישט צו – לכל הפחות דריי חדשים און ביז איר שטעלט זיך צו,
- דאס דריטע מאל און ווייטער וואס איר פארפאסט זיך צוזישטעלן – לכל הפחות זעקס חדשים און ביז איר שטעלט זיך צו,

פאר א הויזגעזינד אן אנגעוואנדענע קינדער, וועט דער הויזגעזינד'ס גרענט פארמינערט ווערן ווי פאלגענד:

- דאס ערשטע פאל פון זיך נישט צושטעלן – לכל הפחות 90 טעג און ביז איר שטעלט זיך צו,
- דאס צווייטע פאל פון זיך נישט צושטעלן – לכל הפחות 150 טעג און ביז איר שטעלט זיך צו,
- דאס דריטע מאל און ווייטער וואס איר פארפאסט זיך צוזישטעלן – לכל הפחות 180 טעג און ביז איר שטעלט זיך צו.

אויב א לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס באשטימט אז איר האט במזיד מיסרעפרעזענטירט אז איר ליידט פון אן שוואכקייט וועלכע באגרעניצט אייער פעאיגקייט טיילצונעמען אין ארבעטס אקטיוויטעטן, קען אייער צייטווייליגע הילף גרענט רעדוצירט ווערן פאר א געוויסע צייט אפשניט. אויב איר ווערט סאנקציאנירט פאר די סיבה, וועט דער סאנקציע אנהאלטן ביז איר זענט ווילי גזיך צוזישטעלן מיט די ארבעטס פארלאנגן, און איר רעפרעזענטירט מער נישט במזיד אז איר ליידט פון א שוואכקייט. (דאס פאקט אז מעדיקל באוויז געבט נישט קיין אינטערלאדע פאר אייער טענה פון א שוואכקייט מיינט נישט אז איר וועט בלויז פאר דעם ווערן סאנקציאנירט).

**<u>פאר פוד סטעמפס בענעפיטן:</u>**

אויסער אויב איר זענט באפרייט פונעם פארלאנג זיך צו רעגיסטרירן פאר ארבעט אלס אן אפליקאנט אדער געניסער פון פוד סטעמפס בענעפיטן, מוזט איר:

- אננעמען א דזשאב אדער א רעפעררעל צו אן אקטועלע דזשאב אדער פאטענציאלע דזשאב עפענונג;
- אנטייל נעמען אין אן אפשאצונג איבער אייער פעאיגקייט צו ארבעטן;
- צושטעלן אינפארמאציע בנוגע אייער ארבעטס סטאטוס און גרייטקייט צו ארבעטן;
- אנטייל נעמען אין צוגעטיילטע ארבעטס אקטיוויטעטן.

**אויב איר שטעלט זיך נישט צו צו די פון פריער אויסגערעכנטע ליסטע פון פארלאנגען, קענט איר פארלירן אייערע פוד סטעמפס בענעפיטן.**

איר ווערט פארערכנט צו זיין איינגעשריבן צו ארבעטן און עס פארלאנגט זיך איר זאלט זיך צושטעלן צו די פארלאנגן פון ארבעטס רעגיסטראציע אויסער אויב איר זענט באשטימט דורך דער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס צו זיין:

- יונגער פון 16 יאר אלט אדער עלטער פון 60 יאר אלט;
- גייסטיש אדער פיזיש דיזעיבלד, באהינדערט, קראנק אדער געשעדיגט אויף אזוי ווייט אז איר קענט נישט אנטייל נעמען אין ארבעטס אקטיוויטעטן;
- אויסגעשטעלט צו און איר שטעלט אייך צו מיט TANF (פעדעראלע באצאלטע) צייטווייליגע הילף פארלאנגען. אויב איר זענט צוגעטיילט צו א TANF ארבעטס עקספיריענס, איז נישט שייך דער פטור פון פוד סטעמפס בענעפיטן ארבעטס פארלאנגען;

- טראגט די אחריות זיך אפצוגעבן מיט אן אנגעוואנדענע קינד אונטער זעקס יאר אלט. אויב איר זענט צוגעטיילט צו א TANF ארבעטס עקספיריענס, איז נישט שייך דער פטור פון פוד סטעמפס בענעפיטן ארבעטס פארלאנגען;
- טראגט די אחריות זיך אפצוגעבן מיט א באהינדערטע מענטש;
- אן אפליקאנט אדער א געניסער פון אנעמפלוימענט אינשורענס בענעפיטן וועלכע איז פארלאנגט זיך צו רעגיסטרירן פאר ארבעט אלס א חלק פון דער אנעמפלוימענט ווידערגוטמאכונג פראצעדור;
- א רעגלמעסיגע באטייליגער אין דראג און אלקאהאל טריטמענט און ריהעביליטעישאן פראגראם, און דער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס באשטימט אז איר זענט אדער אומפעאיג צו ארבעטן אדער אז די ארבעטס אקטיוויטעטן וואס מען האט אייך צוגעטיילט איז נישט פראקטיש;
- א סטודענט וועלכע איז איינגעשריבן פאר כאטש האלב צייט אין אן אנערקענטע שולע, טרעינירונגס פראגראם אדער מוסד פאר העכערע לימודים.
- אן אפליקאנט פאר SSI (צוגעבליכע סאשעל סעקיוריטי איינקונפט) און פוד סטעמפס בענעפיטן אונטער די תנאים פון צוזאמענהאנגיקע באהאנדלונג, ביז א החלטה ווערט געמאכט אז איר זענט בארעכטיגט פאר SSI און דורכדעם באפרייט פון זיך רעגיסטרירן פאר ארבעט, אדער איר ווערט באשטימט צו זיין אומבארעכטיגט פאר SSI; אדער
- 16 אדער 17 יאר אלט וואס איז נישט דער ראש המשפחה אדער וואס באטייליגט זיך אין שולע אדער אין א ארבעטס טרענירונג פראגראם פאר כאטש האלבע צייט.

**<u>סאנקציעס פאר'ן פארפעלן זיך צוזישטעלן צום פוד סטעמפס בענעפיטן ארבעט צוטיילנוג:</u>**

אויב איר זענט נישט באפרייט פון אנטיילנעמען אין ארבעטס אקטיוויטעטן און איר שטעלט אייך נישט צו מיט די פארלאנגען אויסגערעכנט פריער, קענט איר פארלירן אייערע פוד סטעמפס בענעפיטן. די לענג פונעם צייט אפשניט וואס איר וועט פארלירן אייערע בענעפיטן ווענדט זיך אין וויפיל מאל איר האט פארפאסט זיך צוזישטעלן.

- דאס ערשטע מאל וואס איר שטעלט זיך נישט צו – לכל הפחות צוויי חדשים און ביז איר שטעלט זיך צו
- דאס צווייטע מאל וואס איר שטעלט זיך נישט צו – לכל הפחות פיר חדשים און ביז איר שטעלט זיך צו
- דאס דריטע מאל און ווייטער וואס איר שטעלט זיך נישט צו אין א תקופה פון דריי יאר – לכל הפחות זעקס חדשים און ביז איר שטעלט זיך צו

**<u>צוגאבליכע פארלאנגען פאר פוד סטעמפס בענעפידטן געניסער וכלע זענען ארבעטס פעאיג און האבן נישט קיינע אנגעוואנדענע (ABAWDs):</u>**

אויב איר זענט אן ארבעטס רעגיסטראנט, קען פארלאנגט ווערן פון אייך נאכצוקומען נאך פוד סטעמפס בענעפיטן בארעכטיגונג פארלאנגען, אויסער אויס איר זענט:

- אונטער 18 יאר אלט אדער עלטער פון 50 יאר אלט;
- מעוברת;
- סיי וועלכע ערוואקסענער (אריינגערעכנט עלטערן) וועלכע וואוינען אין א הויזגעזינד וועלכע געניסט פון פוד סטעמפס ווי א מיטגליד איז אונטער 18 יאר אלט.
- אומפעאיג צו ארבעטן פאר לכל הפחות 80 שעות א חודש צוליב א פיזישע אדער גייסטישע באגרעניצונג.

אויב איר זענט אן ארבעטס רעגיסטראנט און איר זענט נישט באפרייט אויפ'ן באזיס פון איינס פון די דריי אויבנדערמאנטע סיבות, וועט איר נאר זיין בארעכטיגט צו געניסן פון פוד סטעמפס בענעפיטן פאר דריי חדשים במשך יעדעס אפשניט פון 36 חדשים, אויסער אויב איר זענט:

- איינער וואס ארבעט פאר לכל הפחות 80 שעות א חודש; אדער
- נעמט אנטייל אין אן ארבעטס פראגראם וועלכע איז באשטעטיגט דורך דער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס פאר לכל הפחות 80 שעות א חודש; אדער
- שטעלט זיך איינגאנצן צו מיט דער ארבעטס עקספעריענס וואס איר זענט צוגעטיילט געווארן.

אויב איר ווילט ווייטער געניסן פון פוד סטעממפס בענעפיטן נאך דער דריי חדשים'דיגע באגרעניצונג, מוז אייער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס אייך אויסארבעטן און צושטעלן אן קוואליפיצירטע ארבעטס אדער טרענירונג געלעגנהייט. פארשטענדיגט זיך מיט אייער ארבעטער צו איבערשמועסן וולכע ארבעט אדער טרענירונג געלעגנהייטן זענען עוועילעבל.

אויב איר פארלירט אייער בארעכטיגקייט פאר פוד סטעמפס בענעפיטן צוליב וואס איר זענט נישט נאכגעקומען די פון פריער אויסגערעכנטע פארלאנגען במשך די דריי אדער מער חדשים וואס איר האט גענאסן פון פוד סטעמפס בענעפיטן, קענט איר נאכאמאל אנהויבן באקומען פוד סטעמפס בענעפיטן, אויב איר זענט אויסער דעם יא בארעכטיגט דערצו, נאכדעם וואס איר קומט קעגן די פארלאנגען פאר א 30 טאגיקע תקופה צו דעמאנסטרירן אז איר וועט עס טון ביז 30 טעג נאכדעם וואס איר געבט אריין אייער אפליקאציע פאר פוד סטעמפס בענעפיטן. איר וועט דאן פארלאנגט ווערן ממשיך צו זיין מיט די ארבעט אדער מיט דער ארבעטס פראגראם כדי צו קענען ווייטער באקומען פוד סטעמפס בענעפיטן.

נאכדעם וואס איר שטעלט ווידער צוריק אייערע פוד סטעמפס בענעפיטן דורך ארבעטן אעדר דורך זיך באטייליגן אין א פראגראם, אויב

פארלירט איר אייער דזשאב אדער איר קענט זיך נישט באטייליגן אין אייער צוגעטיילטע פראגראם, קענט איר זיין בארעכטיגט צו געניסן פון פוד סטעמפס בענעפיטן פאר ביז נאך דריי חדשיםבמשך די זעלבע תקופה פון 36 חדשים אפילו אן ארבעטן אדער אנטייל נעמען אין אן ארבעטס פראגראם.

**<u>פאר מעדיקעיד:</u>**

עס זענען נישטא קיין ארבעטס פארלאנגען פאר מעדיקעיד. אבער כדי צו זיין בארעכטיגט פאר די מעדיקעיד Buy-In פראגראם פאר מענטשן מיט דיסאביליטיס וועלכע ארבעטן, מוז א מענטש זיין פארנטמען מיט ארבעט.

**10. אחריות לגבי טשיילד קעיר**

עס איז אייער אחריות צו **זוכן און אויסקלויבן** א טשיילד קעיר פארזארגער. איר מוזט תיכף באצאלן אייער פאמיליע'ס חלק פון די קאסטן פון די טשיילד קעיר סערוויסעס.

**<u>פאר געניסער פון צייטווייליגע הילף:</u>**

אויב איר ברויכט טשיילד קעיר כדי זיך צו באטייליגן אין ארבעטס אקטיוויטעטן און איר קענט נישט טרעפן א פארזארגער פון טשיילד קעיר, מוזט איר:

- לאזן וויסן פאר אייער ארבעטער וואס איר האט געטון צו טרעיפן א פארזארגער און בעטן פאר הילף צו טרעפן א פארזארגער.
- נאכפאלגען אלע רעפעררעלס וואס איר ווערט געגעבן דורך אייער ארבעטער אדער דורך אנדערע פראגראמען וועלכע העלפן אייך טרעפן א פארזארגער. דאס מיינט אז איר מוז זיך פארבינדען אדער באזוכן אלע פארזארגערס צו וועמען איר ווערט רעפערט ביז איר זענט מצליח אויסצוקלויבן א פארזארגער וואס איז געאייגנט, צוטריטליך, פאסיג און עפארדעבל.
- אויב איר האט זיך פארבינדען מיט אלע פארזארגערס צו וועמען איר זענט געווארן רעפעררט און איר האט נישט מצליח געווען אויסצוקלויבן קיין איינס פון די פארזארגערס, מוזט איר לאזן אייער ארבעטער וויסן שריפטליך מיט וועלכע פארזארגערס איר האט זיך פארבינדען און ווען, און פארוואס איר האט נישט אויבגעקליבן קיין איינס פון די פארזארגערס. אייערע סיבות מוזן אנטהאלטן איינס פון די פאלגענדע:
-

- דער פארזארגער איז נישט אפען אין די טעג אדער שעות וואס איר דארפט, אדער קען נישט דער פארזארגער זיך אפגעבן מיט אייער קינד'ס ספעציעלע געברויכן.
- איר האט נישט געקענט אנקומען צו דעם פארזארגער מיט א קאר אדער מיט פאבליק טראנספארטאציע.
- דער פארזארגער געפינט זיך נישט אין א "אנגענומענע ווייטקייט" פון אייער הויז אדער ארבעטס ארט. יעדע לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס האט אן אנדערע אפטייטש פאר "אנגענומענע ווייטקייט". דער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס מוז אייך זאגן וואס אנגענומענע ווייטקייט מיינט אין אייערע דיסטריקט.
- פריינט, קרובים אדער שכינים מיט וועמען איר האט געקלערט און זיך פארבינדען זענען אומפאסיג.

- אויב איר ווייזט אויף אז איר קענט נישט טרעפן א פארזארגער, מוז אייער ארבעטער אייך פארשלאגן א אויסוואל פון צווי פארזארגערס. כאטש איינס פון די צוויי אויסוואלן מוז זיין א טשיילד קעיר פארזארגער וועלכע איז לייסענסד אדער רעגיסטרירט מיט די העלט און גייסטישע היגיענע דעפארטמענט פון ניו יארק סטעיט אדער ניו יארק סיטי. איר מוזט אויסקלויבן איינס פון די פארזארגערס אדער אויפווייזן פארוואס זיי זענען נישט געאייגנט, צוטריטליך, עפארדעבל אדער פאסיג.
- איר מוזט ממשיך זיין צו זוכן פאר א טשיילד קעיר פארזארגער און נאכגיין אלע רעפעררלס דורכאויס די צייט וואס איר זענט אנטשולדיגט פון ארבעטס אקטיוויטעטן.
- אויב איר קענט נישט ווייזן אז איר האט נישט מצליח געווען צו טרעפן א פארזארגער און אז די צווי אויסוואלן וואס מען האט אייך פארגעשלאגן זענען נישט געאייגנט, צוטריטליך, עפארדעבל אדער פאסיג, דאן וועט אייער קעש גרענט פאר צייטווייליגע הילף רעדוצירט ווערן אויב איר פארפאסט פון זיך באטייליגן אין ארבעטס אקטיוויטעטן.

**11. אחריות לגבי קינדער געלט און אויסהאלט פון א מאן\ווייב**

אלס א אפליקאנט אדער געניסער פון צייטווייליגע הילף ועלכע געניסט פון טשיילד קעיר, מוזט איר קאאפערירן מיט אייער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס ביים באשטימען פאטערשאפט און איינמאנען אויסהאלטונג, ווי פאלגענד:א

איינמאנען אויסהאלט – צייטווייליגע הילף

ווען איר שרייבט אונטער אן אפליקאציע פאר צייטווייליגע הילף אדער פאר אזוי לאנג ווי איר געניסט פון צייטווייליגע הילף, געבט איר איבער פאר דער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס אייער רעכט צו באקומען סיי וועלכע אויסהאלטונג צאלונגען וואס מען קומט פאר אייך אדער פאר וועמען איר אפעלירט אדער געניסט פון צייטווייליגע הילף.

דאס מיינט אז פאר אזוי לאנג ווי איר געניסט פון צייטווייליגע הילף, האט דער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס דאס רעכט צו באקומען די לעצטיגע אויסהאלטונג און דאס וואס מען קומט אייך פון פריער **(אלטע חובות)**.

אויב איר באקומט באצאלט דירעקט צו אייך אן א אויסהאלטונג אדער פאטערשאפט פאראדענונג, מוזט איר איינמעלדן דאטס געלט צו אייער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס.

סיי וועלכע איינמאנען וואס ווערט געמאכט וועט גענוצט ווערן צו צוריקצאלן דער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס פאר די הילף וואס איז געגעבן געווארן פאר אייך און אייערע קינדער, אויסער פאר די "דורכגענגליכע" צאלונגען אדער די איבעריגע אויסהאלט צאלונגען. **(זע "אייערע רעכטן", 10'טע אפטיילונג, רעכטן לגבי דורכגענגליכע אויסהאלטונג און איבעריגע אויסהאלטונג צאלונגען – צייטווייליגע הילף".)**

אפילו נאכדעם וואס אייער צייטווייליגע הילף קעיס ווערט פארמאכט, וועט אייער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס טיילמאל האבן די רעכט צו די חובות וואס מען קומט אייך פון פריער **(אלטע חובות)**. דאס מיינט אז אייער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס וועט נעמען לעגאלע שריט כדי איינצוקאסירן די צאלונגען.

אלס א אפליקאנט אדער געניסער פון **צייטווייליגע הילף**, מוזט איר קאאפערירן מיט דער Child Support Enforcement Unit פון אייער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס **אויסער** אויב איר האט א גוטע סיבה פארוואס נישט. אויב איר פילט אז איר האט א גוטע סיבה פאר'ן נישט קאאפערירן **("טענה פון א גוטע סיבה")** דאן מוזט איר דאס זאגן פאר אייער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס.

אייער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס וועט אייך לאזן נוצן אייער "**טענה פון א גוטע סיבה**" אויב:

- אייער קאאפעראציע מיט דער Child Support Enforcement Unit וועט זייער מעגליך גורם זיין פיזישע אדער עמאציאנאלע שאדן פאר אייך אדער פאר אייערע קינדער;
- אייער קינד קומט פון א הריון וואס האט פאסירט דורך א משפחה מיטגליד אדער דורך געוואלד;
- איר ארבעט מיט אן אטארעזירטע אדאפשען אגענטור צו ארלעדיגן די אדאפשען פון אייער קינד.

איר וועט געבעטן ווערן צו געבן דאס מערסטע אינפארמאציע און\אדער דאקומענטאציע וואס מעגליך איבער אייער גרוש\ה, אדער איבער די עלטערן פונעם קינד, ווי למשל יענער מענטש'ס סאשעל סעקיוריטי נאמבער, געבורטסטאג, אדרעסס, ווי יענער ארבעט און זייער אדרעסס, און סיי וועלכע געריכטליכע אינפארמאציע בשייכות מיט די פאטערשאפט אדער אויסהאלט שריט. די אינפארמאציע וועט גענוצט ווערן צו:

- באשטימען פאטערשאפט פון א יעדעס קינד וועלכע איז געבוירן אויסער הייראט;
- באקומען קינדער געלט פון א עלטערן וועלכע האט נישט קיין זארגרעכט פאר א יעדעס קינד, ביז יעדעס קינד ווערט 21 יאר אלט;
- ארלעדיגן אז די אויסהאלט צאלונגען זאלן ווערן איבערגעגעבן צו די Support Collections Unit פון דער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס.

עסו וועט אויך פארלאנגט ווערן אז איר זאלט זיין וועזנד, ווי גענויטיגט, ביים טשיילד סאפפערט אגענטור צו איבערגעבן אינפארמאציע אדער דאקומענטן בי סיי וועלכע געריכטליכע פארגאנג. אויב איר גלויבט אז סיי וועלכע פון די דאזיגע פארשריפטן וועלן לייגן אייך אדער אייערע קינדער אין א ריזיגע צוליב געוואלדטאטן אינדערהיים, קענט איר מעגליך זיין בארעכטיגט צו א צייטווייליגע פטור פון דעם פארשריפט. צו באקומען אזא פטור, מוזט איר אויספילן דעם Domestic Violence Screening Form אדער מודיע זיין אייער ארבעטער אז איר ווילט זיך טרעפן מיט א ליעיזאן פאר געוואלדטאטן אינדערהיים פאר אן אפשאצונג.

אין די אפוועזנהייט פון א "טענה פון א גוטע סיבה", אויב איר קאאפערירט נישט מיט דער Child Support Enforcement Unit דאן וועט אייער גרענט פאר צייטווייליגע הילף רעדוצירט ווערן מיט 25% פאר יעדער פאל וואס איר שטעלט זיך נישט צו, און סיי וועלכע צייטווייליגע הילף פאר אייערע קינדער וועט געצאלט ווערן צו אן אנדערע מענטש, וועלכע איז אנגערופן א "**שוץ-ארדענונג**" ( protective payee).

אויב איר זענט נישט מסכים מיט סיי וועלכע פון די שריט פון אייער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס בנוגע אייער "טענה פון א גוטע סיבה", קענט איר בעטן פאר א קאנפערענס און א יושר'דיגע איבערזוכט**(זע "אייערע רעכטן", 5'טע אפטיילונג "קאנפערענסעס און יושר'דיגע איבערזוכטן".)**

**קאאפעראציע בנוגע קינדער געלט – איז נישט א פארשריפט פאר טשיילד קעיר פאר נידעריגע פארדינער**

נאכגיין קינדער געלט איז נישט א פארשריפט כדי צו געניסן פון טשיילד קעיר הילף. אבער דאס באשטימען פאטערשאפט און ארויפלייגן אחריות פון אויסהאלטן די קינדער אויף די יעניגע עלטערן וועלכע האבן די פינאנציעלע מעגליכקייטן שטעלט א טריט קייגן זעלבסט אויסהאלטונג פון די משפחה און עקאנאמישע פארזיכערונג. קינדער געלט איז א לעבנסוויכטיגע מקור פון איינקונפט פאר משפחות מיט נאר איינס פון די עלטערן אין ניו יארק. צווייט אין ראנג צו די פארדינסטן פון די עלטערן וועלכע האבן זארגרעכט, איז קינדער געלט די צווייטע גרעסטע מקור פון איינקונפט פאר פאמיליעס פון נידעריגע פארדינער. דאס באקומען די קינדער געלט איינקונפט און סיי וועלכע העלט אינשורענס בענעפיטן פאר אייער קינד פון א אפוועזנדע עלטערן איז וויכטיג פאר די טובה פון אייער משפחה.

יעדעס לאקאלע סאשעל סערוויס דיסטריקט האט א CSEU (Child Support Enforcement Unit) וועלכע וועט העלפן באשטימען פארטערשאפט פון אייער קינד. דער CSEU וועט אייך העלפן אריינגעבן א פעטיציע צו די פאמיליע געריכט צו באקומען אן אויסהאלטונג באפעל וועלכע איז באזירט אויף די קינדער געלט אנווייזונגען. קינדער געלט קען דעקן טייל פון אייער קינד'ס טשיילד קעיר קאסטן. אזוי אויך, וועט דער CSEU זיכער מאכן אז איר באקומט די קינדער געלט צו וואס איר זענט בארעכטיגט, און וועט אייך העלפן אריינגעבן א פעטיציע צו די פאמיליע געריכט צו איינקאסירן אומבאצאלטע אויסהאלטונג. אויף אייער פארלאנג, וועט דער CSEU איבערקוקן אייער אויסהאלטונג באפעל און אויב איר זענט בארעכטיגט דערצו וועלן זיי צולייגן צו די קינדער געלט א הוספה צוליב די קאסטן פון לעבן.

די דאזיגע סערוויסעס זענען עוועיליבל פאר אייך אומאפהענגיק צו דער עלטערן וועלכע האט נישט קיין זארגרעכט וואוינט אין אדער אינדרויסן פון ניו יארק. א יערליכע אפצאל פון $25 וועט גערעכנט ווערן ווען איר געניסט פון קינדער געלט סערוויסעס דורכאויס סיי וועלכע יאר אויב איר האט נאך קיינמאל נישט גענאסן פון צייטווייליגע הילף פאר משפחות אין נויט, און די קינדער געלט קאסירט איין לכל הפחות $500 דורכאויס א תקופה פון 12 חדשים, אנהויבנדיג די 1'טע פון אקטאובער יעדעס יאר.

**קינדער געלט רעפעררל און איינקאסירונג – פאוסטער קעיר**

אויב איר לייגט אייער קינד אין פאוסטער קעיר פרייוויליג, אדער אויב אייער קינד איז געווארן אוועקגענומען און אריינגעשטעלט אין פאוסטער קעיר און איר

זענט דאס קינד'ס נאטורליכע עלטערן, שטיף עלטערן אדער אדאפטיווע עלטערן, מוזט איר קאאפערירן מיט דער לאקאלע סאשעל סערוויסעס דיסטריקט כדי אז דער דיסטריקט זאל קענען באשטימען צו עס איז דא א מציאות וואס וואלט זיי געָאסר'ט פון אייך רעפערירן צו די child support enforcement unit פון דער לאקאלע סאשעל סערוויסעס דיסטריקט. אויב אזא מציאות עקזיסטירט נישט, מוזט איר קאאפערירן און צושטעלן די פארלאנגטע אינפארמאציע, אריינגערעכנט אינשורענס אינפארמאציע פון א דריטע פארטי, און צושטעלן סיי וועלכע נויטיגע דאקומענטאציע, און איר האט די לעגאלע חיוב זיך משתתף צו זיין מיט די קאסטן פון אייער קינד'ס פאסטער קעיר.

פעלער און מצבים וועלכע אסר'ט דאס רעפערירן צו child support enforcement unit זענען:

(1) ווען דער געאייגנטע סאשעל סערוויסעס אגענט באשטימט אז אזא רעפערלל וועט אומגינסטיג אפעקטירן דאס געזונט, זיכערקייט, אדער וואוילבעפינדונג פונעם קינד פאר וועמענסוועגן די צאלונגען דארפן געמאכט ווערן, אדער פון אנדערע מענטשן אינעם קינד'ס הויזגעזינד, אדער וועט אומגינסטיג אפעקטירן די לענג פונעם קינד'ס פארבלייבונג, אדער וועט קליא מאכן די מעגליכקייט פונעם קינד זיך אומצוקערן אהיים ביים באפרייט ווערן פון פאוסטער קעיר; אדער
(2) ווען א קינד וועלכע איז געבוירן אינדרויסן פון הייראט וואס איז איבערגעלאזט געווארן און אקצעפטירט געווארן דורך א געאייגענטע סאשעל סערוויסעס אגענט פונעם פעטער אדער מוטער פון אזא קינד, טאר מען נישט רעפערן די עלטערן פון אזא קינד צו דער child support enforcement unit פון דער סאשעל סערוויסעס דיסטריקט; אדער
(3) אין א פאל פון א מאן\ווייב וועלכע אדאפטירט נישט, איז ווען א מאן\ווייב וועלכע אדאפטירט נישט וואוינט אפגעטיילט און נישט צוזאמען מיט דער מאן\ווייב וועלכע אדאפטירט יא, לויט א געשריבענע שיידונג אפמאך, אדער ווען דאס מאן\ווייב וועלכע אדאפטירט נישט האט געוואוינט באזונדער אדער נישט צוזאמען מיט דאס מאן\ווייב וועלכע אדאפטירט יא פאר לכל הפחות דריי יאר איידער דער מאן\ווייב וועלכע אדאפטירט יא האט אנגעהויבן דער אדאפשען פראצעדור.

קאאפעראציע מיט טשיילד סאפפארט – מעדיקעיד

ווען איר ווילט געניסן פון מעדיקעיד פאר זיך און איר אפעלירט אויך פאר אייער קינד וועלכע איז אונטער 21 יאר, און דער קינד'ס אנדערע עלטערן וואוינט נישט מיט'ן קינד אדער וועט נישט ארויסהעלפן מיט דאס קינד'ס מעדיקל ביללס, מוזט איר קאאפערירן מיט דער Child Support Enforcement Unit פון אייער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס. דאס ווערט נישט פארלאנגט אויב איר זענט מעוברת, אדער עס איז נאכנישט קיין צוויי חדשים נאכדעם וואס אייער הריון האט זיך געענדיגט, אדער אויב איר אפעלירט נאר פאר אייער קינד. עס פארלאנגט זיך פון אייך צו קאאפערירן מיט דער Child Support Enforcement Unit צו פרובירן צו באקומען הילף פונעם עלטערן וועלכע האט נישט קיין זארגערעכט צו באצאלן פאר אייער קינד'ס מעדיקל ביללס, און אויב אייער קינד איז געבוירן אויסער הייראט, צו באשטימען פאטערשאפט.

איר זענט מחוייב נאכצוגיין בלויז מעדיקל אינטערלאגע. איר זענט נישט מחוייב נאכצוגיין אדער איבערצושרייבן אייערע רעכטן צו קעש אינטערלאגע פון א עלטערן וועלכע האט נישט קיין זארגרעכטן צו די לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס. אויב איר אפעלירט פאר מעדיקעיד פאר אייער קינד, קען אייער קינד'ס בארעכטיגקייט נישט אפעקטירט ווערן אויב איר קאאפערירט נישט מיטן באשטימען פאטערשאפט.

איר מוזט איבערשרייבן אייער רעכט צו איינקאסירן געלט פאר מעדיקל ביללס אדער פון העלט אינשורענס צום לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס. איר מוזט אויך קאאפערירן מיט דער דעפארטמענט צו באקומען העלט אינשורענס און געלט פאר מעדיקל ביללס פון מענטשן וועלכע זענען לעגאל פאראנטווארטליך פאר אייך און אייערע קינדער.

אלס אן אפליקאנט אדער געניסער פון מעדיקעיד, מוזט איר קאאפערירן מיט דער Child Support Enforcement Unit **אויסער** אויב איר האט א גוטע סיבה פארוואס נישט. אויב איר פילט אז איר האט א גוטע סיבה פאר'ן נישט קאאפערירן (**"טענה פון א גוטע סיבה"**) דאן מוזט איר דאס זאגן פאר אייער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס. אייער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס וועט אייך לאזן נוצען אייער "**טענה פון א גוטע סיבה**" אויב:

- אייער קאאפעראציע מיט דער Child Support Enforcement Unit וועט זייער מעגליך גורם זיין פיזישע אדער עמאציענאלע שאדן פאר אייך אדער פאר אייערע קינדער;
- אייער קינד קומט פון א הריון וואס האט פאסירט דורך א משפחה מיטגליד אדער דורך געוואלד;
- איר ארבעט מיט אן אטארעזירטע אדאפשען אגעטור צו ארלעדיגן די אדאפשען פון אייער קינד.

איר וועט געבעטן ווערן צו געבן דאס מערסטע אינפארמאציע און\אדער דאקומענטאציע וואס מעגליך איבער אייער גרוש\ה, אדער איבער די עלטערן פונעם קינד, ווי למשל יענער מענטש'ס סאשעל סעקיוריטי נאמבער, געבורטסטאג, אדרעסס, ווי יענער ארבעט און זייער אדרעסס, און סיי וועלכע געריכטליכע אינפארמאציע בשייכות מיט די פאטערשאפט אדער אויסהאלט שריט.

די אינפארמאציע וועט גענוצט ווערן צו:

- באשטימען פאטערשאפט פאר יעדעס קינד געבוירן אויסער הייראט פאר וועם איר אפעלירט אדער געניסט פון מעדיקעיד, ווען דאס קינד איז לכל הפחות צוויי חדשים אלט; אדער
- באקומען העלט אינשורענס און געלט פאר מעדיקל ביללס פון א עלטערן וועלכע האט נישט קיין זארגרעכט פאר יעדעס קינד ביז יעדעס קינד ווערט 21 יאר אלט.

עס וועט אויך פארלאנגט ווערן אז איר זאלט זיין וועזנד, ווי געוויטיגט, ביים טשיילד סאפפערט אגענטור צו איבערגעבן אינפארמאציע אדער דאקומענטן בי סיי וועלכע געריכטליכע פארגאנג.

אויב איר קאאפערירט נישט מיט דער Child Support Enforcement Unit, קענט איר נישט געניסן פון מעדיקעיד פאר זיך אליינס, אויסער אויב איר האט א **"גוטע סיבה"** פאר'ן נישט קאאפערירן, אדער איר זענט מעוברת, אדער איז עס נאכנישט קיין צוויי חדשים פון ווען אייער הריון האט זיך געענדיגט.

**איגנארירן קינדער געלט – מעדיקעיד**

בדרך כלל, די ערשטע $50.00 פון די אנגייענדע קינדער געלט וועלכע ווערט איינקאסירט יעדן חודש ווערט נישט גערעכנט ווען דער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס איז מחליט אויב איר קענט גענישן פון מעדיקעיד. ווען א קינד ווערט באשטעטיגט אלץ בלינד אדער אלס דיסעיבלד, דאן ווער א דריטל פון סיי וועלכע אויסהאלט צאלונג וואס דאס קינד באקומט פון א אפוועזנדע עלטערן נישט גערעכנט ווערן.

**זעלבסט אויסהאלט**

איר זענט מחוייב צו קאאפערירן מיט'ן נאכגיין מעדיקל אויסהאלטונג פון אן אפוועזנדע מאן\ווייב אדער, אויב שייך, א גרוש\ה. איר מוזט אונז דערציילן אויב א מאן\ווייב אדער גרוש\ה איז אדער איז מעגליך מחוייב צו העלפן באצאלן פאר די מעדיקל בילס אדער אייך צושטעלן דעקונג פאר מעדיקל אינשורענס. איר מוזט אזוי טון אויסער אויב איר זענט מעוברת, אדער איז נכנישט אדורך צוויי חדשים פון ווען אייער הריון האט זיך געענדיגט, אדער איר האט א **"גוטע סיבה"** אויף נישט צו קאאפערירן.

**אויב איר זענט נישט מסכים מיט סיי וועלכע שריט פון אייער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס בנוגע אייער "טענה פון א גוטע סיבה", קענט איר פארלאנגען א קאנפערענס און א יושר'דיגע איבערזוכט. (זע "אייערע רעכטן", 5'טע אפטיילונג "קאנפערענסעס און יושר'דיגע איבערזוכט".)**

12. **אחריות געגצליך אויסצופירן די אלקאהאל און שטאף אביוז פארשריפטן פאר צייטווייליגע הילף**

אלע ערוואקסענע און ראש משפחה וועלכע אפעלירן אדער גענישן פון צייטווייליגע הילף מוזן אויספילן די Alcoholism and Substance Abuse Screening שאלות. נאכן ענדיגן אויספילן אלע שאלות, וועט מעגליך פארלאנגט ווערן אז איר זאלט גיין צו א קרעדענשיעלד יועץ איבער אלקאהאל און שטאף אביוז (Credentialed Alcoholism and Substance Abuse Counselor, CASAC) פאר א פארמאלע אפשאצונג צו דערגיין אויב איר האט א אלקאהאל אדער שטאף אביוז פראבלעם. נאכ'ן ענדיגן די אפשאצונג וועט דער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס מחליט זיין וואספארא טריטמענט, אויב בכלל, עסו ועט זיך פארלאנגען. אויב עס ווערט באשטימט אז עס פארלאנגט זיך א טריטמענט פראגראם, וועט איר מוזן אינטערשרייבן רשות ארויסצוגעבן אייער טריטמענט אינפארמאציע און כדי צו דאקומענטירן אייער צושטעלן מיט די טריטמענט פארשריט פאר אייער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס.

אויב איר גלייבט אז זיך צושטעלן צו אן אלקאהאל און שטאף אביוז אפשאצונג אדער טריטמענט וועט לייגן אייך אדער אייערע קינדער אין א ריזיקע צוליב געוואלטאטן אינדערהיים, וועט איר מעגליך זיין בארעכטיגט צו א צייטווייליגע פטור פון דער פארלאנג. צו באקומען אזא פטור, מוזט איר אויספילן דעם Domestic Violence Screening Form אדער מודיע זיין אייער ארבעטער אז איר ווילט זיך טרעפן מיט א ליעיזאן פאר געוואלדטאטן אינדערהיים פאר אן אפשאצונג.

אויב איר פארפעלט צו טיילנעמען אין דער סקרינינג אדער אפשאצונג פראצעדור אדער איר פארפעלט צו אונטערשרייבן רשות ארויסצוגעבן אינפארמאציע פון דער טריטמענט פראגראם, וועט איר נישט זיין בארעכטיגט פאר צייטווייליגע הילף און אייער פאמיליע'ס צייטווייליגע הילפס גרענט וועט רעדוצירט ווערן. דער סעיפטי נעט אסיסטענטס פראגראם וועט באזארגן בענעפיטן פאר אלע הויזגעזינד מיטגלידער וועלכע זענען יא בארעכטיגט.

אויב איר פארפעלט צו:

- טיילנעמען אין אדער ענדיגן די פארלאנגטע טריטמענט;
- דאקומענטירן די טריטמענט פארשריט; אדער
- זיין אנוועזנד ביים טריטמענט פראגראם וואס דער סאשעל סערוויסס דיסטריקט איז מחליט אז עס איז געאייגנט פאר אייך;

קענט איר ווערן סאנקציאנירט פון צו קענען גענישן פון צייטווייליגע הילף. נאכמער, אויב איר פארלאזט א רעזידענשעל טריטמענט פראגראם איידער עס איז פערטיג וועט איר נישט באקומען קיין שום PNA (געלט פאר פערזענליכע צרכים) וועלכע זאמלט זיך אן ווילאנג איר זענט געווען אינעם פראגראם.

13. **אחריות צו ענדיגן א אלקאהאל און שטאף אביוז סקרינינג פאר מעדיקעיד**

געוויסע מעדיקעיד אפליקאנטן און געניסער מוזן זיך צושטעלן צו א אלקאהאל און שטאף אביוז סקרינינג, אפשאצונג, און טריטמענט פארלאנגן. א מענטש וועלכע איז צווישען 21 און 65 יאר אלט און איז נישט מעוברת, באשטעטיגט אלץ בלינד, אדער באשטעטיגט אלץ אן אינוואליד; א מאן אדער א חבר פון א פרוי וועלכע איז מעוברת אן קיין אנדערע קינדער אינעם הויזגעזינד; א שטיף עלטערן וועלכע האט נישט קיין אייגענע קינדער אינעם הויזגעזינד אבער דער נאטורליכע עלטערן איז וועזנד אינעם הויזגעזינד; אן איינצלנע מענטש; אדער א פארפאלק וועלכע האבן נישט קיין קינדער.

מענטשן וועלכע אפעלירן אדער גענישן פון Family Health Plus אדער פון דער Family Planning Benefit פראגראם זענען נישט מחוייב טיילצונעמען אין א אלקאהאל און שטאף אביוז סקרינינג.

14. אחריות לגבי באנוטץ פון מעדיקעיד פארזארגערס

**איידער** איר באקומט מעדיקל קעיר מוזט איר זיכער מאכן אז דער דאקטאר, פארמעסי אדער אן אנדערע מענטש פון וועמען איר זוכט הילף איז מסכים צו איינקאסירן פון מעדיקעיד. נישט יעדע מעדיקל פארזארגער נעמט אן מעדיקעיד.

אויב איר נויטיגט זיך אין מעדיקל קעיר נאכדעם וואס איר אפעלירט פאר מעדיקעיד אבער איידער איר ערהאלט אייער קאממאן בענעפיט אידענטיפיקאציע קארטל ((Common Benefit Identification Card, CBIC, מוזט איר נאכאלטס זיכער מאכן אז אייער פארזארגער נעמט אן מעדיקעיד. אויב איר מוזט באצאלן א ביל נאכדעם וואס איר האט אפעלירט פאר מעדיקעיד און איידער איר ערהאלט אייער CBIC קארטל, קענען מיר באצאלן אייער ביל נאר אויב עס ווערט באשטימט אז איר זענט בארעכטיגט צו מעדיקעיד און אז דער פארזארגער נעמט אן מעדיקעיד.

ווען איר ווערט באשטעטיגט פאר מעדיקעיד, וועט איר זיך קענען אנשליסן אין א Medicaid Managed Care העלט פלאן. אין טייל קאונטיס וועט איר מוזן זיך אנשליסן אין א פלאן. איר וועט ערהאלטן אינפארמאציע פון אייער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס איבער אויב איר מוזט יא אדער נישט זיך אנשליסן, און וואס אייערע פלאן אויסוואלן זענען. אויב איר האט א דאקטאר וועלכע איר ווילט ווייטער אנהאלטן, וועט איר מוזן נאכקוקן צו זען

אויב יענער איז אינעם Medicaid Managed Care העלט פלאן אין וועלכע איר שליסט אייך אן. ווען איר שליסט אייך אן אין א Medicaid Managed Care העלט פלאן, וועט איר באקומען אן אינשורענס קארטל פון אייער פלאן.

איר מוזט נוצן אייער CBIC קארטל צו באקומען צוטריט צו אייערע מעדיקעיד בענעפיטן. אפילו אויב איר שליסט אייך אן אין א Medicaid Managed Care העלט פלאן, וועט איר נאכאלטס נומען אייער CBIC קארטל פאר טייל סערוויסעס, ווי למשל אינעם פארמעסי. עס איז וויכטיג צו נומען אייער CBIC קארטל אין א אחריות'דיגע וועג ווען איר נוצט עס אויף צו גענישן פון מעדיקל קעיר.

אויב איר זענט בארעכטיגט צו Family Health Plus, צוזט איר באקומען אייער פולשטענדידע העלט קעיר פונעם Managed Care וועלכע איר האט אויסגעוועלט. אויב איר באקומט נאך א העלט פלאן קארטל פאר די פאמיליע פלאנירונג בערוויסעס, וועט איר זיך באנומען מיט יענע קארטל בלויז פאר פאמיליע פלאנירונג.

אויב איר אביוזט מעדיקעיד, וועט איר אריינגעשטעלט ווערן אינעם **RRP (געניסער באגרעניצונג פראגראם).** דער פראגראם באגרעניצט דאס אויסוואל פון מעדיקעיד פארזארגערס ביי וועמען איר קענט באקומען מעדיקל קעיר, אויסער אויב איר האט אן עמערדזשענסי. א מעדיקעיד פארזארגער איז א מענטש אדער א איינריכטונג וועלכע שטעלט צו מעדיקל קעיר. טייל סיבות פארוואס איר קענט זיין באגרעניצט אין אייער אויסוואל פון מעדיקעיד פארזארגערס זענען:

- איר באקומט קעיר פון עטליכע דאקטורים פאר'ן זעלבע פראבלעם.
- איר באקומט מעדיקל קעיר מער אפט ווי איר ברויכט.
- איר באנוצט פרעסקריפשאן מעדיצינען אויף אן אופן וואס קען זיין שעדליך פאר אייער געזונט.

אויב איר זענט אינעם **געניסער באגרעניצונג פראגראם**, קענט איר בעטן צו טוישן אייער איינציגע מעדיקעיד פארזארגער יעד עדריי חדשים אדער פריער, אויב עס איז פאראן א גוטע סיבה.

טייל גוטע סיבות זענען:

- איר אדער אייער מעדיקעיד פארזארגער מופט, און עס איז שווער אנצוקומען צו אייער פארזארגער.
- אייער מעדיקעיד פארזארגער נעמט מער נישט אן קיין מעדיקעיד.
- אייער מעדיקעיד פארזארגער וויל אייך מער נישט זען.

דאס ערשטע מאל וואס איר אביוזט אייער מעדיקעיד וועט איר צוגעטיילט ווערן צו אן איינציגע מעדיקעיד פארזארגער פאר צוויי יאר. אויב דער אביוז פאסירט א צווייטע מאל, וועט איר ווערן באגרעניצט פאר א נייע תקופה פון 3 יאר. אויב איר אביוזט די מעדיקעיד נאכאמאל, וועט איר ווערן באגרעניצט פאר זעקס יאר.

15. אחריות צו ריסערטיפייען

פעדעראלע און סטעיט פארשריפטן פארלאנגן אז אייער קעיס זאל ווערן איבערגעקוקט צו זען אויב איר גניסט פון אלע הילף וואס איר זאלט באקומען. אזא איבערזוכט ווערט אנגערופן א Recertification אדער א Renewal.

איר וועט געפרעגט ווערן אסאך פון די זעלבע שאלות כדי צו באשטעטיגען אויב אייער מציאות האט זיך פארענדערט. אויב איר האט סיי וועלכע פראגעס, אדער אויב איר הארט פראבלעמען מיט'ן אויספילן סיי וועלכע פון די פארעמס, בעט פאר הילף.

אויב איר פארפאסט א פארלאנגטע אינטערוויו און דערציילן פאר אייער ארבעטער די אורזאך דערצו, קען אייער קעיס פארמאכט ווערן. דעריבער מוזט איר זיכער מאכן צו דערציילן פאר אייער ארבעטער ואס די אורזאך דערצו איז. אויב האט איר א גוטע סיבה, וועט אייער קעיס נישט פארמאכט ווערן. א ביישפיל פון א גוטע סיבה וואלט געווען אויב איר זענט קראנק יענעם טאג פונעם אינטערוויו. <u>איר מוזט נאכקומען אלע ריסערטיפיקאציע פארשריפטן כדי צו קענען ווייטער געניסן פון הילף.</u> אלס איינס פון די פארשריפטן, אויב ווערט איר געבעטן צו פארזארגן געוויסע פאפירן אלס באווייז, זאלט איר עס טון ביז צען טעג, אויב נישט קען אייערע בענעפיטן רעדוצירט ווערן אדער ווערן אפגעשטעלט.

איר וועט נישט מוזן דורכגיין א גענצליך נייע פערזענליכע אינטערוויו צו באנייען אייער מעדיקעיד אדער טשיילד קעיר הילף. מענטשן וועלכע געניסן בלויז פון מעדיקעיד אדער בלויז פון טשיילד קעיר הילף, וועלן באקומען א renewal package דורך די פאסט מיט אנווייזונגען וויאזוי עס צו אויספילן און צוריקשיקן צו אייער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס. אויב איר גניסט פוד סטעמפס בענעפיטן און מעדיקעיד אדער פוד סטעמפס בענעפיטן און טשיילד קעיר הילף, איז מעגליך אז אייער פוד סטעמפס אינטערוויו וועט שוין אינאיינוועגס דינען אלס אייער מעדיקעיד באנייאונג אדער אייער טשיילד קעיר הילף באנייאונג.

**16. אחריות פון מינדעריעריגע עלטערן וועלכע אפעלירן אדער געניסן פון צייטווייליגע הילף**

אויב איר זענט אונטער 18 יאר און איר זענט א טאטע\מאמע וועלכע איז נישט פארהייראט און איר געבט זיך אפ מיט א קינד, און איר האט נישט קיין קינדער אונטער צוועלף וואכן אלט, מוזט איר ארבעטן צו פארדינען א היי סקול דיפלאם אדער ענליכס (אויב איר האט נישט פארענדיגט היי סקול), אדער מיטהאלטן מיט אן ערזאץ לערן פראגראם וועלכע איז באשטעטיגט דורך אייער ארבעטער.

אויב איר גלייבט אז זיך צושטעלן מיט די מינדעריעריגע לערנען פארשריפטן וועט לייגן אייך אדער אייערע קינדער אין א ריזיקע צוליב געוואלדטאטן אינדערהיים, קענט איר מעגליך זיין בארעכטיגט פאר א צייטווייליגע פטור פון דעם פארשריפט. צו באקומען אזא פטור, מוזט איר אויספילן דעם Domestic Violence Screening Form אדער מודיע זיין אייער ארבעטער אז איר ווילט זיך טרעפן מיט א ליעיזאן פאר געוואלדטאטן אינדערהיים פאר אן אפשאצונג.

אויב איר זענט מעוברת און אונטער 18 יאר אלט אדער איר זענט א טאטע\מאמע וועלכע איז נישט פארהייראט און אונטער 18 יאר אלט, מוזט איר וואוינען מיט א טאטע\מאמע, לעגאלע גארדיען, אדער אן אנדערע קרוב. אויב אייער ארבעטער באשטימט אז דאס איז נישט מעגליך, אדער אז דאס איז נישט אין אייער קינד'ס בעסטע אינטערעסע, וועט דער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס מחליט זיין אויב אייער יעצטיגע וואוינונגס איינארדענונג איז

געאייגנט. אויב עס איז נישט, וועט דער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס אייך העלפן טרעפן אן אנדערע געאייגנטע וואוינונגס איינארדענונג.

די דאזיגע פארשריפטן זענען נישט שייך פאר מעדיקעיד.

## 17. אייערע אחריות לגבי צייטווייליגע וואוינונג אויב איר זענט היימלאז

אויב איר נויטיגט זיך אין צייטווייליגע וואוינונגס הילף צוליב וואס איר זענט היימלאז, איז עס זייער וויכטיג אז איר זאלט דאס לייענען!

איר וועט מעגליך נישט בעאקומען צייטווייליגע וואוינונגס הילף אויב איר קומט נישט נאך טייל וויכטיגע פארשריפטן.

טיילמאל, אויב איר פארלירט צייטווייליגע וואוינונגס הילף ווייל איר האט נישט אויסגעפאלגט די פארשריפטן, וועט איר קענען באקומען יענע הילף נאכאמאל ציכף אויב איר פאלגט אויס די פארשריפטן.

אין אנדערע פעלער, אויב איר פארלירט די צייטווייליגע וואוינונגס הילף וועט איר נישט קענען נאכאמאל באקומען די צייטווייליגע וואוינונגס הילף פאר א געוויסע תקופה, אפילו אויב איר גייט איין צו פאלגן די פארשריפטן. די לענג פון די צייט אפשניט וואס איר וועט פארלירן די רעכט פאר צייטווייליגע וואוינונגס הילף וועט זיך ווענדן אויף וועלכע פארשריפט איר האט עובר געווען.

טייל פון די פארשריפטן וועלכע איר וועט מוזן אויספאלגן כדי צו פארמיידן דאס פארלירן די צייטווייליגע וואונונגס הילף זענען אויסגערעכנט ווייטער:

- איר מוז העלפן פאר דער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס שטאב אויסגעפינען אויב איר זענט בארעכטיגט פאר עמערדזשענסי וואוינונגס הילף.
- איר וועט מעגליך פארלאנגט ווערן זיך צו טרעפן מיט די שטאב פון דער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס אדער מיט א מענטש וועמען דער לאקאלע דערפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס האט ממנה געווען צו העלפן אוועקשטעלן פאר אייך א פלאן צו וואוינען זעלבסשטענדיג. אויב א פלאן צו וואוינען זעלבסשטענדיג ווערט אוועקגעשטעלט פאר אייך, וועט איר באקומען א קאפיע פונעם פלאן. דער פלאן צו וואוינען זעלבסשטענדיג וועט אייך זאגן איבער די פארשריפטן וועלכע איר מוזט נאכקומען.
- איר מוזט אקטיוו זוכן פאר א פערמינאנטע וואוינונג און איר טארט נישט סתם אזוי אפזאגן א פערמינאנטע וואוינונג וועלכע ווערט פארגעשלאגן פאר אייך דורך די שטאב פון דער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס.
- איר מוזט זיך אויפפירן אויף אן אופן וועלכע שטערט נישט די נארמאלע ווירטשאפט פון דער צייטווייליגע וואוינונג איינריכטונג ווי איר שטייט איין. איר טארט נישט באגיין אקטן וועלכע לייגן עצימער אין א געזונטהייט אעדר זיכערהייט ריזיקע.

עס איז וויכטיג פאר אייך צו וויסן אז אז אויב איר פאלגט נישט אויס די פארשריפטן קענט איר מיט אייער פאמיליע פארלירן די רעכט פאר צייטווייליגע וואוינונגס הילף פאר א געוויסע צייט אפשניט!

איר וועט אויך מוזן זיך צושטעלן מיט אלע אנדערע פארשריפטן פאר בארעכטיגונג צו געניסן פון די צייטווייליגע וואוינונגס הילף, ווי למשל זיך צושטעלן צו די ארבעטס פארשריפטן. אויב איר פארפעלט צו זיך צושטעלן מיט די דאזיגע צייטווייליגע הילף פארשריפטן, און איר האט נישט א גוטע סיבה פאר'ן זיך נישט צושטעלן, קענט איר ווערן סאנקציאנירט, אדער איר קענט פארלירן די בארעכטיגקייט פאר צייטווייליגע הילף, געוואנדען איבער וועלכע פון די פארשריפטן איר זענט נישט נאכגעקומען. פארלירן בארעכטיגקייט פאר א צייטווייליגע הילפס גרענט וועט גורם זיין אז איר מיט אייער פאמיליע זאל ווערן אומבארעכטיגט צו צייטווייליגע וואוינונגס הילף. דאס ווערן סאנקציאנירט וועלכע וועט גורם זיין א רעדוקציע אין אייער גרענט, קען אויך גורם זיין די פארלוס פון צייטווייליגע וואוינונג אויב אייער גרענט האט נישט גענוג געלט דעריין צו צאלן פאר די צייטווייליגע וואוינונג.

## 18. אחריות צו אפעלירן פאר צוגעבליכע סעקיוריטי איינקונפט (SSI)

אויב איר האט א געזונטהייטס מצב וועלכע ערלויבט אייך נישט צו ארבעטן, וועט איר **מעגליך** מוזן אפעלירן פאר SSI (צוגעבליכע סעקיוריטי איינקונפט)

אויב איר האט א פיזישע אדער גייסטישע געזונטהייטס מצב אדער מצבים וועלכע זענען אזוי שלעכט אז עס ערלויבט אייך נישט צו ארבעטן, מוזט איר דאס איינמעלדן פאר אייער ארבעטער. אויב אייער ארבעטער איז מסכים אז אייער געזונהייטס פראבלעם טוט אייך מעלגיך פארמיידן פון ארבעטן, וועט דער ארבעטער <u>**פארלאנגען**</u> פון אייך צו אפעלירן פאר SSIביים סאשעל סעקיוריטי אדמיניסטראציע.

דאס מיינט אז:

- איר מוזט אפעלירן פאר SSI.
- איר מוזט קאאפערירן מיט אלע די פארשריפטן פאר SSI.
- איר מעגט נישט צוריקציען א אריינגעגעבענע אפליקאציע פאר SSI ווילאנג איר געניסט פון צייטווייליגע הילף,
- אויב אייער SSI אפליקאציע ווערט צוריקגעוויזן מוזט איר אפשרייען דעם צוריקווייז אויסער אויב אייער ארבעטער זאגט אייך אז איר מוזט נישט איינגעבן אן אפשריי.

אויב איר פארפעלט נאכצוקומען די פארשריפטן, וועט איר נישט זיין בארעכטיגט פאר צייטווייליגע הילף.